# אויפגאנג

№ 3



ארויסגעגעבן דורך דער
יוגנטאפטיילונג ביים צ. ק. פון יידן אין פוילן

א. קוואַטערקאַ

# מיר געניסן פון זון, לופט און וואַסער



אין דער פּראַכטיקער געגנט פון נידער־שלע־זיע, אין די יעצטע פּיעטראָליעשע און ביעלאַווע האָבן חברה יוגנט צעלייגט זייערע געצעלטן, אויפגעבויט שיינע יוגנט־רעפּובליקן. הויך, הויך איבער די שלאַנקע סאָסנע־ביימער, פלאַטערן די רויטע, רויט־ווייסע און בלוי־ווייסע פענער. דאָ געפינען זיך די קאָלאָניעס פון השומר הצעיר, צוקונפט, ז.ו.מ., סקיף. נישט ווייט פון זיי, אין שכנות, האָבן איינגעאָרדנט זייערע זו־מער־וווינונגען די יוגנט־היימען פון ווראָצלאַוו, ריכבאַך און ליגניץ. אויף יענער זייט בארג פאַרברענגען יוגנטלעכע אין אָפּרו־הויז, אָרגאַ־ניזירט דורך דער יוגנט־אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון יידן אין פּוילן. א ביסל ווייטער, צופוסנס די בערג האָבן אויסגעבויט זייער נעסט א גרו־פּע פון 80 לאָדזשער סטודענטן.

אויף דרום־מערב פון נידער־שלעזיע, אין דער ריכטונג פון קלאָדזקאָ האָבן זיך באַזעצט די יוגנט פון גורדוניה. אין א צווייטער געגנט פאַרברענגט אין פּאַלאַטקעס די דרור־יוגנט.

* * *

אין א שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר זיך א לאָז געטאָן באַזוכן עטלעכע יוגנט־רעפּובליקן.

דורך געשלענגלטע וועגן, דורך בערג און טאָלן פאָרן מיר ארויף און אראָפּ. לענגויס דעם שאָסיי טרעפן מיר גרופּעס יוגנטלעכע אויף שפּאַציר. לויט זייערע אוניפאָרמען דערקענען מיר באַלד פון וועלכער אָרגאַניזאַציע זיי זיי־נען. מיר שמעלן אָפּ א גרופּע פריילעכע, צע־שמייכלטע מיידלעך מיט גרויע בלוזעס און שוואַרצע האַלזטוכן פון השומר הצעיר. מיר פרעגן דאָס אָרט פון ווראָצלאַווער יוגנט־היים, זיי ווייזן אונז דעם וועג. מיר פאָרן פאַרביי



לויף־פאַרמעסט אין ביעלאַווער אָפּרו־הויז

פּראַכטיקע פּאַלאַצן, דאָ האָבן אמאָל געוווינט די טעקסטיל־פאַבריקאַנטן פון פּיעטראָלעשיע און ביעלאַווע, דאָ האָבן זיי געהאַט זייער זו־מער־רעזידענץ, דאָ האָבן זיי געפּראַוועט היט־לעריסטישע יום־טובים. דאָ האָט אויך געלערנט און גערוט די היטלער־יוגנט. היינט הילכן דאָ אָפּ פריילעכע געלעכטערס פון אונזער יוגנט. היינט הערן זיך יידישע לידער. לידער פון קאַמף און נצחון.

מיר זייַען אויפן אָרט. אנטקעגן קומען ארויס די יוגנטלעכע מיט זייערע לייטערס, מיר



יוגנט־אָפּרו־הויז אין ביעלאַווע

טרעפן דאָ די חברים אייזענשטאַט, פּאַריזער, ראַבוואַלסקי, פירער פון די 3 יוגנט־היימען. מיט זיי גייען די קאָמענדאַנטן. דער חבר קראַוס פון דער ווראָצלאַווער יוגנט־היים דערציילט אונז די לעצטע נייעס... מיט א טאָג צוריק איז אין זומער־הויז פאָרגעקומען אן „איבערקערע־ניש". די קאָלאָניסטן האָבן אראָפּגעוואָרפן די אַלטע מאַכט... צוזאַמען מיטן לייטער אייזענ־שטאַט און לאַגער־קאָמענדאַנט קוויאַטקאָווסקי. אויף זייער אָרט איז אויסגעוויילט געוואָרן דורך א פאָלקס־אָפּשטימונג א נייע מאַכט. עס האָבן אין דער „הויף־איבערקערעניש" אָנטיילגענומען אַלע אָן אויסנאַם. די געוועזענע „מאַכטהאָבער" מוזן איצטער פאַרקאַטשען די ארבל און... אר־בעטן אין דער קיך־ווירטשאַפט. היינט איז שוין אַלץ אין אָרדענונג. די גערעכטיקייט האָט גע־זיגט...

די יוגנט איז דאָ א מונטערע, א פריילעכע. איר זעט דאָ אָפּגעברענטע פּנימער, אַלע זעען פּרעכטיק אויס. דער טאָג ווערט אויסגעפילט פון באַגינען ביזן שלאָפן גיין. עס קומען דאָ פאָר פיל ספּאָרט־שפּילערייען, גימנאַסטיק. דאַן שאַך און דאָמינאָ, שאַטקעווקע, האַנט־באַל, חוץ פאַר־ווײַלונגען, אַקאַדעמיעס, לאַגער־פייערן, לעבע־דיקע צייטונגען. פּרעכע־איבערזיכטן, שמועסן, אויספלוגן אין די בערג, אין די שכנותדיקע קאָ־לאָניעס.

אין דער געגנט קאָכט זיך נאָך אַלץ וועגן די לעצטע פאָרגעקומענע מלחמות... איר שטוינט, האַ? וואָס פאַרא מלחמות אינמיטן דערינען? אָט דערציילט אונז דער חבר קוויאַט־קאָווסקי, — א יונגער יאַט פון דער ווראָצלאַ־ווער בורסע — מיט צוויי טעג צוריק איז דאָ געווען א מלחמה... דער ז.ו.מ.־לאַגער, וואָס געפינט זיך בשכנות פון ווראָצלאַווער זומער־הויז האָט דערקלערט קריג. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן און געדויערט א גאַנצע נאַכט און זיך געענדיקט מיט געפאַנגענע פון ביידע צדדים, מיט דער ריכבאַכער יוגנט־היים. אָנגעהויבן צו א וואָפנשטילשטאַנד. א צווייטער „קריג" איז פאָרגעקומען צווישן דעם שומרישן לאַגער מיט דער ריכבאַכער יוגנט־היים. אָנגעהויבן האָט עס זיך אזוי: די שומרים האָבן געוואָלט דערגאָבערן די פאָן פון יוגנט־היים. דאָס וואַכ־זאַמע אויג פון טויערמאַן האָט דאָס באַמערקט און גענומען דעם שומרישן „אויסשפּירער" אין געפאַנגענשאַפט. די לאַגער־אָנפירונג האָט אים געמוזט אויף צומאָרגנס אויסקויפן...

איבער שוין יאָ אזא מעשה, האָבן באַשלאָסן די ריכבאַכער חברה, וועלן מיר די שומרים אָפּ־נאַן אויף טערקיש...

בין־השמשות, ווען דער שומרישער משמר האָט געכאַפּט א דרימל, האָבן דאָס אויסגענוצט די ריכבאַכער קונדסים. שטיל, אויף די שפּיץ פינגער האָבן זיי ארויפגעפּויעט אויפן דאַך פון שומרישן לאַגער און אראָפּגענומען די פאָן. אויפן וויגן האָבן זיי געפונען אויך די צווייטע



אויפן פעלד

פאָן און אזוי, פּאַמעלעך, רויק אוועק צו זיך אויף דער טעריטאָריע. אויף צומאָרגנס, האָט זיך די שומרישע לייטונג געכאַפּט. נישטאָ די פאָן.

— עפּעס א קלייניקייט? עס פעלט די פאָן. וואָס וועט ווייטער זיין? עס האָט זיך געטאָן!

הושך. נישט לאנג געטראכט, איז אוועק א דעלעגאציע אויף אונטערהאנדלונגען... עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָדערונגען, דינגעניש אהער, אהין, טענות, אז עס איז נישט קיין גערעכטע מלחמה, נישט אויסגעהאלטן פון סקוויטישן שטאנדפונקט. מען דאַרף פריער שיקן א דערקלערונג און אזוי ווייטער. די מלחמה, ווי די מלחמה. דער סוף איז אָבער געווען א גוטער. די פּענער זיינען געוואָרן אומגעקערט. ענלעכע מלחמה־שפּילן זיינען אויך פאָרגעקומען צווישן דער ליגניצער און וואָצלאַווער יוגנט־הימען. זאָל זיך דער לעזער נישט איבערשרעקן... די מלחמה־שפּילן האָבן געגעבן גאנץ גוטע רעזולטאטן... זיי האָבן נאָך מער דערנענטערט די יוגנט צווישן זיך, מען האָט זיך נאָך מער באַפריינדעט. דער העברישער בונד איז געוואָרן אלץ מער ענגער... דאָס זיינען בלויז איניקע ביישפּילן פון צענדליקער שפּילן, פּארוויילונגען, אקאדעמיעס, לאַגער־פייערן, אויספלוגן אין די יוגנט־רעפּובליקן. די יוגנט איז דאָ באמת א זאָרגלאָזע, א פריידיקע. גערעכט זיינען געווען די וואָצלאַווער קאָלאָניסטן, ווען זיי האָבן ארויסגעהאָנגען ביים אריינגאנג פון זייער זומער־הויז די לאָזונג:

„יונגע, שטאָלצע, פול מיט שטרעבן —
בויען מיר א נייעם לעבן”!

* * *

מיר פאָרן ווייטער אין דער ריכטונג צום צפרו־הויז אין ביעלאווע. ווידעראמאָל שמאָלע, געשלענגלטע וועגן. דאָס פערד שלעפּט אונזער וואָגן בארג־ארויף. מיר קומען אָן אויף א הויכן בארג. צווישן ביידע זייטן פעלזן־בערג, באדעקט מיט געדיכטע וועלדער, געפינט זיך דאָס אָפּרו־הויז פון דער יוגנט־אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון די יידן אין פּוילן. עס איז איצטער רו־צייט. נאָכן מיטאָג.

די יוגנט געפינט זיך אויף דער טעריטאָריע, ליגן אויף די אויסגעלייגטע קאָצן. בעת־מעשה כאַפּט מען צווישן זיך א שטיקל שמועס, לייענט מען א ביכל. און ווער גרייט זיך גאָר צו א לעקציע, צו א שריפטלעכער ארבעט. בלויז די קיך רוט נישט, דאָ גרייט מען שוין דעם נאכט־מאָל.

מיר באזוכן דאָס הויז. דאָס איז א שיינע — צווייסטאָקיקע געביידע מיט ליכטיקע, זוניקע צימערן, וואָס גייען ארויס אין וואלד אריין. די בעטלעך זיינען שוין פארבעט מיט שניי־ווייס בעטגעוואנט. עס איז דאָ פאַראַן א ספּעציעלער וואש־צימער, א לייען־זאל. די יוגנט באקומט די נייעסטע צייטונגען, זשורנאלן. עס געפינט זיך דאָ אויך א ביבליאָטעק פון יידישע, פּוילישע און רוסישע ביכער. אין קלוב־צימער איז געראָם, עס שפּילט דער ראַדיאָ, פון די ווענט שיינען אראָפּ די בילדער פון אונזערע קלאסיקער: מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם. יעדן וואַרפן זיך אין די אויגן די שיין־אויסגעמאָלטע לאָזונגען, פון איין זייט זאָגט איך אָן איין לאָזונג, אז „קינדער פון דעם מאָרגן זיינען מיר”. פון א צווייטער — „אין א געזונטן קערפּער — א געזונטער גייסט”. פון מיטן וואנט — הייסט מען אייך לאכן, ווייל „לאכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן”!

איז לאכט מען דאָ טאקע — וויפל דאָס הארץ גלוסט נאָר.

די יוגנט האָט דאָ די בעסטע מעגלעכקייטן פון פארברענגען די פרייע צייט, געניסן פון דער נאטור־פּראכט.

ארום איז בארג, וואלד און הימל. אן אויסגעבענקטע שטילקייט. נאטור און מענטש.

אין אָפּרו־הויז געפינט זיך א גרופּע מיידלעך, וואָס האָבן אדורכגעמאכט די געטאָס, לאַגערן און פּארטיזאנער־אָפּטיילן. שטארק פּאָפּולער איז דאָ די שטשעטשינער גרופּע. מיר כאַפּן א שמועס מיט דעם שווארץ־הענטיקן מיידל מרים פרידריך. א קינד פון לאָדזשער באלוט. זי איז די נשמה פון דער שטשעטשינער גרופּע. טראָץ דעם, וואָס זי אליין לערנט זיך היינט אין לאָדזש און געפינט זיך אין דער לאָדזשער יוגנט־היים, דאָך איז זי ווייטער געבליבן געבונדן מיט דער שטשעטשינער גרופּע און נישט אומזיסט. אין שטשעטשין איז זי געקומען מיט אירע אכצן חברטעס און חברים פון בעלזען־בערגען. מיר שמועסן אויך מיט אסתר מאָשקיעוויטש, טאָשיע שולק, זשוטא פון דער זעלבער גרופּע, אלע זיינען זייער צופרידן, פארברענגען גוט און געניסן פון אָפּרו.

אויף היינט אָוונט איז באשטימט א באָטווין־אקאדעמיע. די יוגנט פארזאמלט זיך אונטערן פרייען הימל. עס קומען אויך געסט פון די שכנותדיקע קאָלאָניעס. א רעפעראט וועגן באָטווינס העלדישן לעבן און קאמף האָט דער שרייבער פון די שורות. דער גרויסער עולם איז צוגעשמידט צום אָרט, הערן אויס אויפמערקזאם און מיט פיל אינטערעס וועגן דעם לעבנס־וועג פון יונגן יידישן פרייהייטס־קעמפער נפתלי באָטווין.

עס ווערט טונקל. די נאכט רוקט זיך צו. דער ארטיסטישער טייל קומט פאָר ביי דעם לאַגער־פייער. איינער נאָכן אנדערן טרעטן ארויס מיידלעך און יינגלעך מיט רעציטאציעס און געזאנג.

דאָס מיידל אסתר מאָשקיעוויטש רעציטירט בינעם העלערס „אייראָפּע אָן יידן”, א צווייטער דעקלאמירט געבירטיקס „ס'ברענט”, דאָס 14־יעריקע מיידל בעלא זאפראן רופט ארויס אויפמערקזאמקייט מיט אירע פּרעכטיקע אויספירונגען פון סימאָנאָווס „זון פון ארטילעריסט” (אויף רוסיש), א יונגער יאטל פון לאָדזשער יוגנט־היים דעקלאמירט דוד האָפשטיינס „וועגט”. דער פּראָגראם ציט זיך גאָר לאנג. ביים אָפּשיין פון לאַגער־פייער הילכן אָפּ די לידער אין דער נאכט אריין. זייער עכאָ צעגייט זיך ווייט, ווייט איבער די בערג.

* * *

מיר שטייען איצטער ביים פארענדיקן דעם זומער־סעזאָן. טראָץ א גאנצער ריי ווירטשאפטלעכע שוועריקייטן האָבן אונזערע יוגנט־קאָלאָניעס אָפּגעשפּילט א קאָלאָסאלע ראָל. עס הערט זיך אום אין אירע היימען א געזונטע יוגנט, אן אָפּגערוטע, מיט פרישע כוחות. אויף זיי וואַרטן זייערע ארבעטס־פּלעצער און שולבענק. מיט א פעסטן גלויבן, אז די יוגנט וועט ווייטער שפּינען דעם המשך פון אונזער פאָלק אין זיין אויפבוי פון א ניי געזונט לעבן, טרעטן מיר אריין אין א נייעם עטאַפּ פון ארבעט.



יידישע יוגנטלעכע: קוילנגרעבער, וועבער, סטודענטן, מעטאַליסטן א.א. אין אָפּרו־הויז פון דער יוגנט־אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון יידן אין פּוילן, אין ביעלאַווע

# יוגנט אויף אָפּרו

דער נידער־שלעזישער יידישער ישוב איז דאָס יאָר באריכערט געוואָרן מיט א גאנצער ריי אנשטאלטן, מיט א נעץ פון אָפּרו־הייזער פאר דער יידישער יוגנט. דער צענטראלער יוגנט־אמט האָט פארשטאנען די וויכטיקייט וועלט, דורך פרייִדיקער, מענטשלעכער אקטי־וויטעט און געזונטן גענוס.

ס'איז ווערט אונטערצושטרייכן די פאר־דינסטן פון דעם יונגן לייטער פונם אָפּרו־הויז ח' בער, און פון דער ח' סיטא, וועלכע גיבן



די יוגנט אין ביעלאַווער אָפּרו־הויז געניסט פון זון, וואַלד און פעלד

פון דערמעגלעכן דער יוגנט זיך אָפּצורוען און האט געשאפן אן אָפּרו־הויז, וווּ דער יידישער יוגנטלעכער קאָן פאר א קליינעם אָפּצאָל ווי געהעריק געניסן פון זיין אורלויב.

דאָס אָפּרו־הויז געפינט זיך אין איינער פון די שענסטע געגנטן אין נידער־שלעזיע (ביי ביעלאווע). צווישן שורות באוואלדערטע בערג, אין א שיינעם מאָלערישן טאָל, שטייט דער גרויסער פאלאץ, וואָס האָט אמאָל געהערט צום באריכטן דייטשן מאגנאט, דעם טעקסטיל־פאבריקאנט דיריק. היינט איז דער דאָזיקער פאלאץ געוואָרן דאָס אפרו־הויז פאר דער יידישער יוגנט פון ווארשע, לאָדזש, קראָקע און קאטאָוויץ. היינט שפּאצירן דא אין וואלד־אַלייען די קוילנגרעבער פון וואלבזשיך, די אקאדעמיקער פון וראָצלאָוו, די „אָרט“־קורסאנטן פון ריכבאך, ביטאָם א.א.

פאַרשטייט זיך, אז אן אָנגעוען אָרט פאר־נעמט דאָ ספּאָרט און גימנאַסטיק. עס ווערט דאָ אָבער אויך געפירט א פלאנמעסיקע קולטור־ארבעט. עס געפינען זיך דאָ צייטונגען, זשורנאלן פון אלע מינים . יעדע וואָך ווערט ארויסגעגעבן אן אייגענע וואנט־צייטונג. עס קומען פאָר רעגולערע לעקציעס, פאָרלעזונגען און רעפעראטן אויף אקטועל־פּאָליטישע, וויסנשאפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס. גרויס דערפאָלג האָט די ביבליאָטעק, וועלכע פארמאָגט א גרויסע צאָל ביכער.

געניסנדיק פון דער נאטור־רייכקייט און שיינקייט, פארפולקאָמט זיך דאָ דער יוגנטלעכער אויפן געביט פון פיזישער און גייסטיקער דערציִונג, לערנט זיך ליב צו האָבן די מענטשן, וואָס בויען די וועלט מיט דער מי פון זייערע הענט און שטרעבן צו א גליקלעכער

אוועק זייער פיל ענערגיע, מי און אָנשטרענגונג, כדי צו שאפן די בעסטע באדינגונגען פאר די יוגנטלעכע.

נאָך דריי אזעלכע אפרו־הייזער געפינען זיך אין דער געגנט פון פיאָטראָליעשע. דאָס האָבן אָרגאַניזירט די יוגנט־היימען ביי די יידישע קאָמיטעטן פון וראָצלאָוו, רייכבאך און ריגניק. אויך דאָרט זיינען די באדינגונגען אזעלכע, וואָס גיבן די גאראנטיע, אז יעדער טורנוס, וועלכער דויערט צוויי וואָכן און לאָזט



אַ גוטן אויפשטאַנד! אונזערע מיידלעך ציט צו דער זון

# אין די זעלבע בערג

## (די יוגנט־היימען אין קאמיענקאָוואָ)

נאָך נישט לאנג, ווי דאָ אין די ארומיקע בערג האָט זיך געהערט די קאָמאנדע פון דער היטלער־יוגנט...

דאָ האָבן זיי געהוסט און אויסגעשולט זיך אלס צוקונפטיקע מערדער פון מיליאָנען...

די זעלבע בערג, די זעלבע זון. אלץ ארום שימערירט מיט טוי אין דער אויפגייענדיקער זון...

מידע פון דער נאכט־דינסט, ווארטן די בורסע־אָרדענונגס־היטער אויף דער טאָג־וואך, וועלכע וועט זיי בייטן. דעם נאָך שלאָפנדיקן זומער־לאגער פון די ריכבאכער און וראָצלאווער יוגנט־היימען, וועקט דער פרימאָרגן־סיגנאל. אלץ לעבט אויף. די לופט ווערט אָנגעפילט מיט יוגנטלעכע קולות, מיט געלעכטער און געזאנג..

גימנאסטישע איבונגען. אין א הארמאָנישן ריטם באוועגן זיך עלאסטישע, ברוינע און געזונטע יונגע קערפערס. באלד וואשט מען זיך אין טייכל. מען רוימט אויף די צימערן און — צום פרימאָרגן אפעל. ס'הערט זיך פון אלע זייטן באפעלן פון קאָמענדאנטן: „גרופּע איינס, גרופּע צוויי“ און א.וו. „אכטונג“ „אויג שטיפעריי“. אלע אויסגעשטעלטע אין רייען ארום דעם פאָן־מאשט. קורצע ראפּאָרטן. עס הויבט זיך אין דער הויך די לאגער־פאָן מיט פויקן די פייקלען... און מיטאמאָל הילכט אָפּ אין די ארומיקע בערג דער הימן פון די בורסעס — דאָס פארטיזאנער ליד „זאָג נישט קיינמאָל, אז די גייסט דעם לעצטן וועג“.

די זעלבע בערג, די זעלבע זון... נאָר אן אנדער ווירקלעכקייט.

קויאווסקי

דורך עטלעכע הונדערט יוגנטלעכע, וועט זיין די שטויס־קראפט פאר וויכטיקער פראָדוקטיווער ארבעט אויף יעדן אָפּשניט, ווו עס ארבעטן אונזערע יוגנטלעכע.

ש. ליכטנשטיין

# דערגרייכט דעם ציל

## (די יוגנט-היימען אין קאמיאָנקאָווא)

לויטן טאָג־פּלאַן איז היינט א אויספלוג. מען דארף אוועקמארשירן אין וואלד און ארויפקלעטערן אויפן שפּיץ פונם בארג, וועלכער ליגט דריי קילאָמעטער מזרח־צפונדיק פון בורסע־לאגער.

דעם אויספלוג פירט דער ח׳ בעקער. א גאנצן וועג מארשירט מען מיט געזאנג, אָבער אויף דער האלבער הויך פון בארג הערט זיך שוין א שווער אָטעמען. דאָ און דאָרט הערט זיך שוין א פּעסימיסטישע שטים פון א חברטע:



די יינגסטע קאָלאָניסטין אייזענשטאַט אין קאַמיאָנקאָוואַ (וורא‏צלאַוו)

„אוי, מען מוז דען דערגיין ביז דעם סאמע שפּיץ”, און באלד באפּט אונטער א צווייטע שטים: „יאָ, יאָ. ס׳קען שוין גענוג זיין, מע קען דאָ אויך מאכן דעם שמועס”. אָבער איינגעשפּארט זיינען די אַנפירער. „דער ציל מוז דערגרייכט ווערן” — זאָגן זיי. קריכט מען אַלץ העכער און העכער.

ענדלעך הערט זיך פון פאָרנט אן אויסגעשריי: „האָפּ! האָפּ! חברה. מיר זיינען אויפן בארג!” דער עולם ווערט לעבעדיקער. מיט מער ענערגיע נעמט מען זיך צו דער ארבעט. ביסלעכווייז קומען אלע אָן אויפן העכסטן פונקט פון בארג, וועלכער איז באדעקט מיט שטיינערדיקע פעלזן. פון דאנען קען מען זען די גאנצע געגנט ארום. די חברה איז אנטציקט פונם פּרעכטיקן פּייזאזש. ווי ווייט דאָס אויג גרייכט — בערג, טאָלן און וועלדער מיט גליכע הויכע ביימער. אין די טאָלן — דערפער, מיט הייזער, ווי פון קאָרטן געמאכט, וועלכע דראפּען זיך איינציקווייז אויף די בערג... זעצט מען זיך אוועק אויף די פעלזן און מען ווישט דעם שווייס. „א שווערער, אָבער אינטערעסאנטער אויספלוג”, זאָגן די חברטעס. די חברים ראַרעק און פּעק לייענען דעם נייעם נומער „אויפגאנג”. די דערציילונג: „יוגנט אין מינסקער געטאָ” פון סמאָליאר און „בירגער” פון א. קאנאנאָווסקי. ס׳אנטוויקלט זיך א דיסקוסיע... נאָך דעם שווערן מארש א נוצלעכער אָפּרו. אזוי האָט מען דערגרייכט דעם ציל.

י. ק — ס ק י.

# זומער־קאָלאָניע פון ליגניצער יוגנט־היים

אין קאמיעניעק, דריי קילאָמעטער פון פּיעטראָליעשע, אין א פּרעכטיקער געגנט, צווישן וועלדער אין בערג, האָט זיך דעם 25־טן יולי ה. י. געעפנט די זומער־קאָלאָניע פון דער ליגניצער יוגנט־היים. יונגע בהורים און מיידלעך פון דער טאנקן־פאבריק, פון די קאָאָפּעראטיוון און „אָרט”־שולן, זיינען זיך צוזאמענגעקומען אויף אָפּרו. אין א שיינעם איינשטאָקיקן מויער אין גרוימע, זוניקע, צימערן וווינען דאָ העכער 40 יוגנטלעכע. דער טאָג איז ראציאָנעל איינגעטיילט. די דיסציפּלין ווערט שטרענג אָפּגעהיטן. א בכבודיק אָרט אין סדר־היום פארנעמען ספּאָרט־שפּילן, אויספלוגן און פארוויילונגען מיט טענץ און געזאנג. דאָ נישט לאנג איז אין די ראמען פון א חבֿרישער ספּאָרט־פארמעסטונג פאָרגעקומען א „מלחמה” צווישן דער ליגניצער און וורא‏צלאווער בורסע, וועלכע געפינט זיך אויף איר זומער־קאָלאָניע אין שכנות. דער ציל פון דער „מלחמה” איז געווען צו דעראָבערן די פאָן פון קעגנער.

די קריגס־אָפּעראציעס זענען געפירט געווארן לויט אלע כללים פון דער מאָדערנער קונסט. מיט שטאבן, סטראטעגישע פּלענער, אָנגריף פון פארטיידיקונגס־גרופּן, מאסקירונג, א.א.וו. עס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אלארם־פּאָסטנס, און ארויסגעשיקט אויסשפּיר־בריגאדעס צום „שונא”. אויפן שאָסיי זיינען ארומגעגאנגען פארלאמענטאריער מיט ווייסע פענדלעך. אין דעם אָפּגערעדטן פאראָל איז קיינער דורך דער קריגס־סטרעפע נישט דורכגעלאָזט געוואָרן.

די ארמייען האָבן זיך געשלאָגן העלדיש, בײדע צדדים האָבן גענומען געפאנגענע און מיט אלע כוחות געוואָלט זיך דערשלאָגן צום נצחון. צוליב דער כמעט גלייכער כוחות־פארהעלטעניש האָט זיך אָבער די „מלחמה” פאַרענדיקט מיט א וואָפנשטילשטאנד און... א



פרימאָרגן־גימנאַסטיק

פריינטשאפטלעכן צוזאמענטרעף פון בײדע יוגנט־היימען.

גרויס אכט ווערט געלייגט אויף דער קולטור־דערציערישער ארבעט. רעגולער קומען פאָר שמועסן, פאָרלעזונגען אויף נאטור־וויסנשאפטלעכע און געזעלשאפטלעכע טעמעס.

אין אויגוסט ד.י. איז אין דער קאָלאָניע איינגעאָרדנט געוואָרן א פייערלעכער אָוונט, געווידמעט דער 22־טער יאָרצייט פון נפתלי באָטווין. נאָך א קורצן רעפעראט וועגן לעבן און העלדישן טויט פון נפתלי באָטווין זיינען געזונגען געוואָרן יידישע ארבעטער־לידער.

באזונדער באליבט זיינען ביי דער יוגנט די אָוונטן ביים פייער. דעם 7־טן אויגוסט איז פאָרגעקומען אזא אָוונט. אין דעם שלאָס־פּארק, וואָס האָט אמאָל געהערט צום ס.ס.־אָפיציר גראַף פאָן טאָס, זיינען זיך צונויפגעקומען די יוגנטלעכע פון דער ליגניצער בורסע. אין א ברייטן קרייז האָבן זיי זיך אויסגעזעצט ארום דעם צעפלאקערטן פייער. נאָך א קורצ:



די ליגניצער יוגנט־היים אויף אָפּרו אין קאַמיעניעץ

פאָרטראַג פון לייטער ח׳ ראכוואלסקי, איז אָרגאניזירט געוואָרן א לעבעדיקע צייטונג. ווי אין א קאלייראָסקאָפּ הויקלען זיך פונאנדער, די מיט הומאָר־ווערייכנטע, בילדער פון קאָלאָניע־לעבן. קיינער ווערט נישט געשוינט, ס׳כאפּן ארויס דער פּסק און ס׳ווערט נישט געזשאלעוועט קיין „פעפער” דעם קיך־פּערסאָנאל, ס׳ווערן הבֿריש אָפּגעהוקט די נעגאטיווע שטריכן פון פארשידענע בורסאנטן.

דאָס הילכיקע געלעכטער, וואָס באגלייט די ארטיקלען און קאָמוניקאטן, באשטעטיקט די טרעפלעכקייט פון דער קריטיק.

נאָך דער צייטונג, האָבן חברה געגעבן אן ארטיסטישן פּראָגראם. רעציטאציעס, מאָנאָלאָגן, הומאָרעסקעס האָבן זיך געשיט, ווי פון ארבל. די טרוקענע צווייגן האָבן פריילעך געקנאקט אין פייער און פונקען האָבן ווי גאָלדענע שטערן זיך געצונדן אויפן טונקל־בלויען הימל. די שטימונג ביים יונגוואַרג האָט צוזאמען מיטן פייער אויפגעפלאמט אלץ העלער און פריילעכער. ס׳האָבן א קלינג געטאָן יידישע, פוילישע און רוסישע לידער. לידער פון פארטיזאנער־קאמפן, לידער פון טרויער נאָך צעשטערטע היימען און לידער פון פריידיקער בויונג, פון מוזיקע, שטאָלצע פּיאָנערן פון א ניי לעבן.

און ס׳האָט זיך אויסגעדאכט, אז די ביימער אין שטילן נערוויש נעמען אנטייל אין דעם געזונגענעם יוגנט־כאָר. ביז שפּעט אין דער נאכט האָט ווייט אין די בערג אָפּגעהילכט דאָס מונטערע געזאַנג פון דער יידישער יוגנט.

ס. ב.

פ. זאַווידאָוויטש

# לאָמיר זוכן די סיבות*)

## (צו דער פראַגע איינהייט צווישן דער ייד-יוגנט)

בעת א צוזאמענטרעף, וואָס איז פאָרגעקומען ערב דעם ערשטן מאי צווישן פאָרשטייער פון דער יידישער יוגנט מיט א פאָרשטייער פון דער פוילישער דעמאָקראטישער יוגנט, האָט יענער נישט געקאָנט פאַרשטיין:

— איר זענט געבליבן אזוי ווייניק, און דאָך קאָנט איר צווישן זיך נישט דורכקומען.

אָט די פראגע, מיט וועלכע ס'קומט זיך אָפט אוים צו טרעפן ביים באגעגענען זיך מיט נישט־יידן, ווערט דורך אונזערע טוער אויפגענומען גאנץ אָפט מיט א לייכטן שמייכל, אזוי, ווי מ'באציט זיך צו נאאיווע, קינדערישע פראגן.

צי וואָלטן מיר נישט געדארפט די פראגע שטעלן אליין?

— פארוואָס קאָנען שוין אנדערע האַלטן, אז ס'איז ביי זיי רייף דער מאָמענט פון איין יוגנט־אָרגאניזאציע, און ביי אונז איז נאָך טיילמאָל שווער זיך צוזאמענצורעדן וועגן געמיינזאמע קאָנקרעטע אקציעס אָדער אונטערנעמונגען?

לאָמיר נעמען אזא אָפּשניט פון יוגנט־לעבן ווי ספּאָרט:

אדאנק שטארקע באמיונגען פון די יוגנט־טוער ביי די יידישע קאָמיטעטן איז געלונגען ביי אָט די קאָמיטעטן צו גרינדן ספּאָרט־אָרגאניזאציעס. דאָס זיינען נישט קיין פארטייאישע ספּאָרט־קלובן: ס'קאָנען אין זיי אריינטרעטן און ס'זיינען ווירקלעך אריינגעטרעטן ספּאָרטלער פון פארשידענע פּאָליטישע איבערצייגונגען. ווייל וועלכער אידעאישער מאָטיוו קאָן שטערן צוויי יידישע ספּאָרטלער, אז זיי זאָלן שפּילן אָדער איבן צוזאמען? זיינען דאָך נישט פאראַן קיין ציוניסטישע פאָרמען פון איבן, אָדער, לאָמיר זאָגן, ספּעציעל בונדישע.

איז געקומען די פארטיי פ.צ.־לינקע און גענומען שאפן אירס אן אייגענעם ספּאָרט־קלוב.

צוליב וועלכע אידעאישע מאָטיוון האָט זי עס געטאָן? צי דארף די פארטיי פ.צ.־לינקע זיך אָנשטרענגען צוזאמען מיט אלע אנדערע דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס אויף צו פארשטארקן דעם יידישן ישוב, און ממילא דעם יידישן ספּאָרט־וועזן, אָדער ווייל זי האָבן די „ערע“ צו זיין די ערשטע, וואָס ציט ארוים אירע מיטגלידער פון די שוין געשאפענע ספּאָרט־קלובן, בכדי מאָרגן זאָלן איר אויך אנדערע נאָכטאָן? מ'קאָן פון פאָרויס צווייפלען אין דעם, צי דאָס וועט געבן נוצן דער אָדער יענער פארטיי, צי ס'וועט איר פארשאפן כבוד; אז אזא מין טאַקטיק וועט אָבער באגראָבן דעם יידישן ספּאָרט, דאָס איז זיכער און אויסער יעדן צווייפל.

אפשר זיינען געווען פאלן, ווען מ'האָט שיקאנירט אין די קלובן ספּעציעל לינקע פ.צ., אָדער מ'האָט באליידיקט זייערע פארטייאישע געפילן? — קיין איין פאקט אזעלכער איז נישט דורך זיי און נישט דורך וועמען אנדערש נישט געוואָרן אָנגעגעבן.

קיין אידעאישע מאָמענטן, מאָמענטן, וואָס טיילן אָפּ פּאָליטיש איינעם פון צווייטן, האָבן דאָ דעריבער קיין ראָל נישט געשפּילט. וועלכע זשע זיינען עס די סיבות, וואָס דערלויבן נישט צו אייניקן זיך אויפן געביט פון ספּאָרט?

אָדער א צווייטער אָפּשניט: קינדער־אָרגאניזאציע.

אנדערע האַלטן שוין ביים פאראייניקן נישט בלויז די יוגנט־אָרגאניזאציעס, מען דיסקוטירט שוין וועגן פאראייניקונג פון פארטייען — ביי אונז אָבער קאָן מען נישט דורכקומען אפילו וועגן פאראייניקן די קינדער־אָרגאניזאציעס.

פארוואָס?

האַלטן טאַקע די באזונדערע פירער פון די אָרגאניזאציעס פארן געבאָט פון דער שעה, אז אנשטאָט דעם, וואָס קינדער זאָלן זיך פארנעמען מיט לערע, מיט שעפּן וויסן, מיט פרייער קינדער־שפּיל, איז גלייכער, אז זיי זאָלן זיך ארומרייסן איבער מיינונגס־פארשידנהייטן, וועלכע זיינען נישט בלויז פאר זיי, נאָר אפילו פאר עלטערע פארטייאישע טוער נישט קלאָר?

דאָ גייט נישט איז דערציען קינדער אַפּאָליטיש. קיין אַפּאָליטישע דערציונג איז נישטאָ. ס'גייט אין א קלאָרע פּאָליטישע, אָבער נישט פארטייאישע דערציונג, ווייל: איז דען נישט קלאָר, אז געבן „שבועות“ און ברעכן זיי, אז נעמען העמדער און קראוואטן אין פארשידענע קינדער־אָרגאניזאציעס (ס'זיינען דאָ פיל אזעלכע פאלן), אז דאָס שאפן „וואכלאזשעס“ מיט „שליסלען“ קאָן די קינדער נאָר דעמאָראליזירן, אָבער נישט דערציען זיי, נישט נאציאָנאל און נישט דעמאָקראטיש!

פארוואָס זאָל מען זיך נישט קאָנען צונויפרעדן וועגן שאפן געמיינזאמע קינדער־ראַטן, וועלכע זאָלן האָבן פאר א ציל צו דערציען די קינדער אין גייסט פון דעמאָקראטיע און יידישער קולטור? זיינען דאָך אלע יידישע יוגנט־אָרגאניזאציעס דעמאָקראטישע און שטייען אויפן שטאנדפּונקט פון א יידיש קולטור־לעבן!

די הויפּט־זאָרג פון אלע עלטערן, אומאָפּהענגיק פון זייער פארטייאישער אָנגעהעריקייט, איז, אז זייערע קינדער זאָלן אויסוואקסן ווי פרייע מענטשן און שטאָלצע יידן. פּרינציפּיעל זיינען דערפאר אויך אלע יוגנט־אָרגאניזאציעס. פארוואָס זאָל עס נישט זיין מעגלעך פּראַקטיש צו פאראייניקן אלע כוחות אויף דורכצופירן אָט די וויכטיקע אויפגאבע אין דער פּראַקטיק?

די קאָנצעפּציע פון באזונדערע קינדער־אָרגאניזאציעס שווימט דעריבער נישט ארוים אלס רעזולטאט פון אידעאישע מיינונגס־פארשידנהייטן. זי איז אויך נישט קיין רעזולטאט פון זאָרג פארן יונגן אויפוואקסנדיקן דור. וועלכע זשע זיינען עס די סיבות, צוליב וועלכע ס'איז ביז היינט נישט צושטאנדגעקומען די איינהייט פון דער יידישער קינדער־אָרגאניזאציע?

א געוויסן שיין אויף דער פראגע און א גאנצע ריי אנדערע, ענלעכע פראגן, וועט אפשר ווארפן אן ארויסטרעטונג פון א פאראנטוואָרטלעכן פארטיי־טוער אויף א קאָנפערענץ אין ווארשע.

ס'איז געווען א קאָנפערענץ פון פאָרזיצערס פון די וואָיעוואָדישע קאָמיטעטן. און גערעדט האָט מען דאָרט גראָד נישט וועגן ספּאָרט און נישט וועגן קינדער־אָרגאניזאציעס, נאָר וועגן קאָאָפּעראַציע.

אויף דעם אָנגעוויזענעם ארגומענט, אז קליינע, דאָכיטישע, ענג־פארטייאישע קאָאָפּעראַטיוון זיינען שעדלעך פון מלוכה־שטאנדפּונקט, און קאָנען נישט געבן קיין נוצן דעם יידישן בעל־מלאכה, צוליב וואָס מ'דארף שאפן איינהייטלעכע, נישט פארטייאישע קאָאָפּעראַטיוון, איז געקומען א קעגנארגומענט:

— אויב איר וועט צונעמען ביי די פארטייען די מעגלעכקייט צו שאפן באזונדערע קאָאָפּעראַטיוון, טאָ ווו זשע גיט איר זיי א מעגלעכקייט צו ווירקן?

צי איז נישט דער ענטפער א קלאסישער באווייז, וויאזוי טייל פארטייען פארשטייען זייער געזעלשאפטלעכן חוב? אנשטאָט צו טראכטן און זאָרגן וועגן גורל פון דער יידישער יוגנט, אנשטאָט שטעלן זייער פארטיי אָדער אָרגאניזאציע אין דינסט פון דער יידישער יוגנט, שטעלן זיי גאנץ אָפט דעם גורל פון יוגנטלעכן אין דינסט פון זייער פארטיי.

ס'איז נישט נויטיק קיין גרויסע אָנשטרענגונג, בכדי צו באווייזן, אז אפילו פון שטאנדפּונקט פון יעדער פארטיי איז אויך בעסער צו ווירקן אין גרויסע, איינהייטלעכע אָרגאניזאציעס. דאָס גיט א מעגלעכקייט יעדער באזונדערער פארטיי און אָרגאניזאציע נישט בלויז צו ווירקן, נאָר אויך צו וואקסן.

אדאנק די איינהייטלעכע פּראָפ.־פאראיינען איז געוואקסן סיי די פ.פּ.ס., סיי פ.פּ.ר. ביידע האָבן פארשטארקט זייער ווירקונג סיי אין די פאבריקן, סיי אין די ווארשטאטן.

ס'וואָלט געווינט, אז אונזערע יוגנט־אָרגאניזאציעס זאָלן זיך וועגן דעם פארטראכטן.

נאָך די געשעענישן פון דער לעצטער צייט דארף מען קיינעם נישט איבערצייגן, וואָס פאר א קראפט ס'שטעלט מיט זיך פאָר די איינהייט.

אויב ס'איז ביז איצט אין א גאנצער ריי פראגן צו אָט דער פולער פארשטענדיקונג נישט געקומען, איז עס לויט אונזער מיינונג דערפאר, וואָס נישט שטענדיק ליגן אלע יוגנט־אָרגאניזאציעס דעם געהעריקן אכט אויף די קאָמיסיעס, טיילן די געהעריקע, פאראנטוואָרטלעכע מענטשן. די פּראַקטיק האָט באוויזן, אז דאָרט ווו אזעלכע מענטשן, יוגנט־טוער מיט דעם געהעריקן פּאָליטישן ניוואָ און דער נויטיקער מאָס פאראנטוואָרטלעכקייט זיינען געשיקט געוואָרן אין די קאָמיסיעס, געלונגט צו דערגרייכן פיל פּאָזיטיוום פאר דער איינהייט פון דער יידישער יוגנט און צום נוצן פון יעדער באזונדערער אָרגאניזאציע.

די אויבן באַרירטע פראגן זיינען פראגן פון ערשטראנגיקער וויכטיקייט פארן לעבן פון יידישן יוגנטלעכן. ס'וואָלט געווען געוואונטשן, אז ס'זאָלן נעמען א וואָרט וועגן זיי, יוגנטלעכע פון פארשידענע ריכטונגען און אָרגאניזאציעס, אומפארטייאישע יוגנט, ספּאָרטלער, עלטערן און פעדאגאָגן.

---

*) דאָס ארטיקל ווערט געדרוקט אויפן גרונט פון פרייער דיסקוסיע. חברים ווערן געבעטן נעמען א וואָרט אין דער פראגע.

רעדאַקציע.

י. פעלהענדלער

# דער דורשט נאָך וויסן איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן



די בילדונגס־אָפטיילונג ביים צענטראל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן האָט צום סוף 1946—47 שול־יאָר פונאנדערגעשיקט אנקעטע־בויגנס צו די שילער פון די 8־טע קלאסן פון אונזערע פאָלקס־שולן.

אין דעם אנקעטע־בויגן זיינען צ. א. געווען פאָלגנדיקע צוויי פראגן:

1) צי האָסטו באשטימטע פאראינטערעסירונגען און אין וואָס פארא ריכטונג גייען זיי?

2) וואָס פארא ווונטשן און פלענער האָסטו אין צוזאמענהאנג מיטן פארענדיקן דעם 8־טן קלאס?

מיט גרויס נייגיר האָבן מיר געוואַרט אויף די ענטפערס.

ווי אזוי האָט געווירקט דער קאטאקליזם, וואָס מיר האָבן אקאָרשט איבערגעלעבט, אויף די קינדער, אויף דער אונטערוואקסנדיקער יוגנט?

וועלכע זיינען זייערע צוקונפט־שטרעבונגען?

וואָס פארא פראָפעסיעס קלויבן זיי אויס?

צי איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן דער דורשט נאָך וויסן, וואָס איז געווען פון תמיד אזוי כאראקטעריסטיש פאר אונזער יוגנט?

ענטפערס אויף אזעלכע און ענלעכע פראגן האָבן מיר געזוכט אין די אנקעטע־בויגנס?

פון 36 שילער האָבן 32 געענטפערט קליפ און קלאָר: מיר ווילן זיך ווייטער לערנען.

א גרויסע טייל פון זיי האָט אנגעגעבן קאָנקרעטע פלענער אויף דער צוקונפט.

דער גרעסטער טייל פון זיי וויל אנקומען אין די הויך־שולן. איניקע פון זיי חלומען וועגן קאמף מיט די מיקראָבן — דעם געפערלעכסטן שונא פון דער מענטשהייט.

אנדערע זעען זיך ביים בויען טונעלן, הייזער, פאבריקן, ביי נייע דערפינדונגען, און אין לופט־פלי־וועזן.

גאָר אנדערע מיט מוזיקאלישע און ליטערארישע פעיקייטן ווילן אויסשפילן מעכטיקע סימפאָניעס און שאפן גרויסע ליטעראַרישע ווערק.

ווערן מעכאניקער, מעכאניקער, אגראָנאָמען, אינזשיניערן, ליטעראטן, מוזיקער — דאָס איז דער טרוים פון אונזער אונטערוואקסנדיקער יוגנט.

סאָזיא מאייר, איינער פון די אנטיילנעמער אין דער אנקעטע, שטרעבט צו ווערן אן אינזשיניער אין לופט־פלי־וועזן.

און דאָס זיינען נישט קיין פוסטע חלומות פון א 15־יעריקן בחור.

סאָיוא מאייר איז אין יאַוואָסיבירסק געווען א מיטגליד אין קלוב פון יונגע פליער, ער האָט דאָרט פארענדיקט אן אינסטרוקטאָרן־קורס פאר מאָדעלירער. ער האָט אנטיילגענומען אין צוויי קאָנקורסן פון יונגע טעכניקער.

אין ביידע פאלן זיינען זיינע צוויי ארבעטן: „די געשיכטע פון לופט־פליעריי" און „לופט־פלי־וועזן אין דער צוקונפט" געוואָרן פרעמירט.

ס'איז מערקווירדיק און כדאי אונטערצושטרייכן, אז קיין איינער פון זיי האָט נישט אויסגעוויילט קיין העכערע האנדלס־שולן, קיין אדוואָקאטור, קיין שום פראָפעסיע, וואָס זאָל האָבן א מגע־ומשא מיטן האנדל.

דער ברוגז מיטן האנדל, דער ראדיקאלער ריס מיט דער פארגאנגענהייט פון א פאָלק, וועמענס גרעסטער טייל איז געווען פארבונדן מיטן האנדל — איז איינס פון אונזערע גרעסטע געווינסן.

מיט דער גרעסטער סאטיספאקציע האָבן מיר איבערגעלייענט די קורצע, אָבער מערקווירדיקע ענטפערס פון אונזערע יורשים.

די גרעסטע פרייד אונזערע דארף זיין דאָס, וואָס מיר קענען פעסטשטעלן (און נישט בלויז אויף ־עם סמך פון דער דורכגעפירטער אנקעטע): ס'איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן דער דורשט נאָך וויסן.

דער אונטערוואקסנדיקער דור איז פון דער קאָשמארער נאכט ארויס, ווי זיגער, מיט אָפענע אויגן און אויערן צו דער וועלט, מיט א טיפן באגער צו שאפן, ווייזט אויס, אז נישט אומזיסט זיינען מיר געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „עם־ספר".

נישט אומזיסט האָט דער געדאנק:

„מען נעמט נישט אוועק קינדער פון לערנען אפילו אויף צו בויען דעם בית־המקדש" — טיף איינגעפלאנצט זיך אין אונזער פאָלק, וועמענס גייסטיקע שאפונגען פארנעמען א חשוב אָרט אין דער וויסנשאפט פון אַלע צייטן.

אָט דאָס דאָזיקע פייערל דארפן מיר אונטערהאלטן.

די דאָזיקע שטרעבונגען, וואָס נורטעווען אונזער יוגנט, ליגן אויף דער פלאך פון די אינטערעסן פון יידישן פאָלק, פאלן זיך צונויף מיט די פאָלקס־נויטן. דער גרויסער בלוט־אָפפלוס האָט גורם געווען אן אָפשוואַכונג פון פאָלקס־אָרגאניזם. די יידישע אינטעליגענץ פון שפרודלדיקסטן ישוב, פון פוילן, איז אומגעקומען אין די בונקערס, טרעמבלינקעס, אין די קאמפן קעגן היטלעריזם. זייער אָפוועזנהייט פילן מיר ווייטיקדיק אָפּ אויף טריט און שריט אין אונזערע שטרעבונגען פאר ווידעראויפבוי, פאר ווידער לעבן.

פאר א נאָרמאלער בלוט־צירקולאציע אין פאָלקס־אָרגאניזם איז דער צוגאנג פון דער יידישער אינטעליגענץ א קיום־פראגע.

דער ישוב אין פוילן, ווו יידן זיינען אוועק אין די וועבער־און מעטאל־פאבריקן, קוילן־גרובנס, ווארשטאטן, בויען קאָאָפעראטיוון, ווו דאָס עקאָנאָמיש־סאָציאלע פנים נעמט אָן נאָרמאלע, געזונטע שטריכן — נויטיקט זיך אין דעם צוואוקס פון יידישער אינטעליגענץ.

דער באגער צום לערנען, אריינצושטרעמען אין די הויכשולן צו באהערשן פאכן מיט גרעסערע קוואליפיקאציעס ליגט אויך אויף דער פלאך פון די אינטערעסן פון דעמאָקראטישן פוילן.

פוילן האָט אויך געליטן אין רעזולטאט פון דער מלחמה א גרויסן פארלוסט פון דער אינטעליגענץ.

דאָס לאנד, וואָס בויט זיך מיט א ברייטן און א גרויסן פארנעם, ווו ס'ווערן אויף חורבות ראשיק אויפגעשטעלט פאבריקן, בריקן, גאנצע שטעט, פילט א הונגער נאָך קוואליפיצירטע הענט.

אונזער יוגנט גיט זיך אָפּ א דין וחשבון, אז אין דעמאָקראטישן פוילן, ווו ס'ווערן געגעבן די ברייטסטע מעגלעכקייטן צו אנטוויקלען זייערע פעיקייטן, צו לערנען זיך איז הסכם מיט די פאקטישע פעיקייטן, ווו די קינדער פון ארבעטער, פויער און ארבעטנדיקער אינטעליגענץ האָבן א פרייען צוטריט אין אַלע לערן־אנשטאלטן — זיינען אָפן די טויערן פון די הויכשולן פאר אַלע יידישע קינדער, וואָס האָבן נאָר צו דעם חשק און פעיקייטן.

„נומערוס נולוס" און „נומערוס קלאַוזוס" זיינען היינט אין דעמאָקראטישן פוילן פאראן פאר די, וועלכע האָבן נישט איבערגעריסן און ווילן נישט איבערייסן מיט די פינצטערע כוחות, וואָס ווילן פרווון צוריקדרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע. אין די באדינגונגען פון א ניי דעמאָקראטיש פוילן האָט געקאָנט קומען צום אויסדרוק דער געזונטער דראנג צום לערנען פון אונזער יוגנט.

איין זייט פון מעדאל אין דער פראגע איז דער פעסטגעשטעלטער ווילן צום לערנען.

די צווייטע זייט פון מעדאל זיינען די פראגן: וועלכן וועג אויסקלייבן? אין וואָס פאר א פאך־שול? אויף וואָס פארא פאקולטעט און אוניווערסיטעט?

מיר טאָרן נישט איבערלאָזן דעם יוגנטלעכן אין דעם מאָמענט מיט זיך אליין. נישט שטענדיק אין אזוינע פאלן גיט ער זיך אָפּ א קלאָרן דין וחשבון וועגן זיינע אמתדיקע פעיקייטן. אפט ווערט ער מיטגעריסן מיט א נעדאנק פון זיין חבר, אמאָל ווירקט א געוויינלעכער צופאל.

מיר דארפן דער יוגנט צוהעלפן אויסקלייבן דאָס פאסיקע פאר אים פאך, אריינפירן אין א געהעריקער פאך־שול און אין אנטשפרעכיקן פאקולטעט אויף דער הויכשול.

דער לערער, די שול דארף קומען דאָ צו הילף. זי אָריענטירט זיך אין די פאראינטערעסירונגען פון יעדן שילער באזונדער.




ס.אָ.ס.! ס.אָ.ס.!.

פאַרצווייפלטע הילפס־רופן פון ווייטן שטורעמדיקן מיטללענדישן ים האָבן איבערגעריסן די נאַכט־שטילקייט און מיט א געוואַלטיקער געשווינדקייט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט:

ראַטעוועט! קרייצערס און פאַנצערשיפן אַטאַקירן אונז. מיר ווערן באַשאָסן פון האַרמאַטן! ס. אָ. ס.!

וואַסער רייסט זיך אַריין אין שיף, ס.אָ.ס.!!

פון די הילפס־רופן איז געוואָרן אויפגעציטערט די גאַנצע וועלט. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ס'קומט דאָרט פאָר ביי די ברעגן פון ארץ־ישראל. וואָס באַדייט דער אָנפאַל? צי זיינען ווידער היטלעריסטישע פיראַטן באַפאַלן רייזנדע אין די ווייטע ימים?

ווער האָט זיך דאָס געקאָנט דערלויבן אין צייט פון שלום שווימען איבער דעם ים, מיט אויסגעשטרעקטע האַרמאַטן־לופעס און באַשיסן אומבאַשיצטע רייזנדע, פירן מיט זיי א קאַמף לויט די לעצטע דערגרייכונגען פון דער מלחמה־טעכניק.

די הילפס־רופן האָבן נישט אויפגעהערט:

ס.אָ.ס.!, ס.אָ.ס.!,

דער איצטיקער „דזשעקס" אַטאַקירט אונז אומברחמנותדיק.

„דזשעקס".... „דזשעקס"...,, האָט זיך צעטראָגן איבער דער וועלט.

„דזשעקס"—האָבן די אויפגעוועקטע מענטשן איבערגעחזרט — דאָס איז דאָך די באַקאַנטע ענגלישע קרייצער־שיף, וואָס האָט צעקלאַפּט די שטאַרקע דייטשישע פאַנצער־שיף „גראַף כּפּיער". זי האָט דאָך געקעמפט קעגן די דייטשישע פּיראַטן צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטשהייט און יעדער געפאַלענער ענגלישער מאַטראָס פון „דזשעקס" האָט אויסגעהויכט זיין נשמה מיט דעם געפיל, אַז ער האָט געגעבן זיין צושטייער אין קאַמף מיט דעם דייטשישן פאַשיזם.

קעגן וועמען־זשע קעמפט איצט „דזשעקס"?

ס.אָ.ס.! ס.אָ.ס.!

דאָס זיינען אונזערע לעצטע געשרייען...

„דזשעקס" טרוקט אונז, 4500 יידן, צווישן אונז 800 קינדער, געראַטעוועטע פון די קרעמאַטאָריעס און טויט־לאַגערן, דראָט די טיפקייט פון ים.

ס.אָ.ס.! ס.אָ.ס.!

„עקזאָדוס 1947" רופט צו דיר מענטש, 800 קינדער!!

דער יאָמער־געשריי פון די אומגליקלעכע האָט געשוועבט אין דער לופטן און גיך זיך צעטראָגן איבער אַלע אייראָפּעישע שטעט.

פון אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ האָט זיך צעקרעכצט אונזער פאַרפייניקט פאָלק. באַלד האָט פאַרגרעסערט דעם געיאָמער „מאַידאַנעק", „אָשוויענטשים", „בערגען־בעלזען" און „באַבי יאַר".

די מיליאָנען אומגעקומענע האָבן אויפגעוועקט די העלדן פון אונטער סטאַלינגראַד, קורסק — אַריאָל. און די ענגלישע זעלנער פון



די ערשטע פאַרוואונדעטע

אונטער טאַבּרוק האָבן דערפּגעלאָזט די קעפ פון בושה.

די אַלע אומגעקומענע פון אונטער סטאַלינגראַד, בערלין, אַריאָל, קורסק און וואַרשע. — אונזערע 6 מיליאָן יידישע קדושים, וועלכע האָבן אפילו אין די לעצטע מינוטן געגלויבט, אַז זייערע קינדער וועלן שוין לעבן אין א וועלט פון יושר, פאָדערן פון אונז אַלעמען, אָן אונטערשיד צו וועלכער ריכטונג מיר זאָלן נישט געהערן, אויפנעמען די ס.אָ.ס.־רופן פון אונזערע אומגליקלעכע ברידער, אַלס א נייעם געוואַלט־טאַט קעגן אונזער פאָלק, וועלכעס ראַנגלט זיך הילפלאָז קעגן די ענגלישע אימפעריאַליסטן, דעלכע באַנוצן זיך מיט די זעלבע מעטאָדן, ווי די דייטשישע פאַשיסטן און ווילן מיט פיזישן טעראָר דערשטיקן די די שטרעבונגען פון אונזערע ברידער און שוועסטער.

„עקזאָדוס", דאָס איז נאָך איין רינג פון דער אַלגעמיינער קייט, וואָס דער נאָכמלחמהדיקער פאַשיזם שמידט. יעדער נייער רינג אין דער גרויסער קייט באַדראָט דער מענטשהייט צו ווערן דערשטיקט אונטער די אייזערנע קייטן פון דעם נייעם מין היטלעריזם, וואָס הייסט אימפעריאַליזם, און אונז יידן דראָט ער אממערסטן, מיר זיינען דאָך פון אייביק „פון הסדן והפטיש".

נישט אומזיסט האָט דער רוף פון „עקזאָדוס" אויפגערודערט די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט.

„עקזאָדוס" באַדייט ווידער אן אָנהייב פון דעם שרעקלעכן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט.

די 4500 יידן, רעשטלעך פון די פאַרפייניקטע 6 מיליאָן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון די היטלעריסטישע רוצחים, און וועשטרעבט אָנצוהייבן א נאָרמאַל לעבן נאָך די פאַרשידענע גילגולים און שבעה מדורי גיהינום, וואָס זיי זיינען דורכגעגאַנגען אין די טויט לאַגערן, ווערן דורך די נייע יורשים פון היטלעריזם געיאָגט איבער די ברויזנדע וואַסערן פון מיטללענדישן ים, ווערן מיט כּוח אוועקגעיאָגט פון די ארץ־ישראל־ברעגן, ווו עס דערוואַרט זיי דער גאַנצער יידישער ישוב.

דער גורל פון „עקזאָדוס 47" רירט אָן דאָס יידישע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

„עקזאָדוס" איז נישט קיין צופעליקער אַקט פון ענגלישער ברוטאַליטעט, דאָס איז די פּאָליטיק פון פאַרגוואַלטיקן די הייליקסטע רעכט פון פעלקער און לענדער. דער ענגלישער קאַמף קעגן דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל ווערט פאַרוואַנדלט אין אן אַלגעמיינעם קאַמף קעגן יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. ענגלי־



מיט וועמען דער ענגלישער אימפעריאַליזם קעמפט

שע זעלנער באַשיסן הילפלאָזע שיפן אויף די

ימען, בריטישע פּאָליציי מאָרדן יידן אין תל־אביב, ענגלישע היטלעריסטן פּראָגראַמירן יידן אין לאָנדאָן, דאָס פאָלק פון ביבל פירט האַנט ביי האַנט מיט די איבערבלייבענישן פון היטלעריזם אַנטיסעמיטישע העצעס קעגן דאָס ביסל פאַרשפּאַרטע יידן אין די דייטשישע לאַגערן.

דער וויי־געשריי פון „עקזאָדוס 1947" דאַרף מאָביליזירן אַרום זיך אַלע פּראָגרעסיווע כּוחות פון דער מענטשהייט אין קאַמף קעגן דער רעאַקציע. פּונקט ווי אין די שווערע יאָרן פון היטלער־אָנגריף, אַזוי מוזן מיר אויך איצט שטיין האַנט ביי האַנט מיט דער וועלט־דעמאָקראַטיע, מיט די אַרבעטער־מאַסן, כּדי נישט דערלאָזן קיין איבערחזרונג פון דער געשיכטע. אָן שום ספק, אַז אונזער יוגנט, וועלכע האָט אויסגעשמידט די היינטיקע באַדינגונגען פון פריהייט מיטן אייגענעם בלוט, אָט די יידישע יוגנט, וועלכע האָט די שיינע טראַדיציעס פון די העלדישע קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ, ביאַליסטאָקער אויפשטאַנד, ארץ־ישראל־ברי־גאַדע, — אָט די יוגנט אונזערע מוז געדענקען, אַז „עקזאָדוס 47" איז נאָך אַ באַווייז, אַז מיר דאַרפן זיין פאַראייניקן מיט דער גאַנצער פּראָגרעסיווער יוגנט אין דער וועלט. נישט אומזיסט האָט דער לעצטער פעסטיוואַל פון דער דעמאָקראַטישער יוגנט אין פּראָג זייער ערנסט באַהאַנדלט די ראָל פון דער יוגנט ביים רעגולירן דעם וועלט־שלום און אויסגעדריקט סאָלידאַריטעט מיט דער קעמפנדיקער יוגנט אין פּאַלעסטינע.

ביים היינטיקן ערנסטן מאָמענט מוז די יידישע יוגנט אין ארץ־ישראל ענג מיטאַרבעטן מיט דער גאַנצער אַראַבישער יוגנט און פּראָגרעסיווע כּוחות פון אַראַבישן פאָלק, כּדי בשותּפות מיט געמיינזאַמע כּוחות פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן ענגלישן אָקופּאַנט. די יידישע יוגנט אין דער גאַנצער וועלט דאַרף פאַרבינדן איר גורל מיט דער דעמאָקראַטיע, דאַרף פאַרשטאַרקן דעם אַלגעמיינעם פראָנט פון דער דעמאָקראַטישער יוגנט אין דער וועלט. נאָר דעמאָלט וועלן מיר זיין אימשטאַנד ווי געהעריק ענטפערן אויף יעדן פּרוּוו פון אָנגריף.

„עקזאָדוס 47" מוז זיין פאַר דער גאַנצער יוגנט אַ סיגנאַל פון מאָביליזאַציע. די רופן ס.אָ.ס. מוזן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטאַרקן פּראָטעסט צו דער גאַנצער וועלט. קעגן דער נייער דראָענדיקער וועלט־סכּנה.

ס.אָ.ס.!, ס.אָ.ס.!. „עקזאָדוס 47" קעמפט!....

## פּראָטעסט־מיטינג פון דער ייד. יוגנט אין לאָדזש

פאַרגאַנגענעם מיטוואָך, דעם 27־טן אויגוסט פאָרגעקומען אין לאָדזש אַ גרויסער יוגנט־פּראָטעסט־מיטינג גערופן דורך דער יוגנט־אָפּטיילונג ביים ייד. וואָיעוו. קאָמיטעט און דער פאַרשטענדיקונגס־קאָמיסיע פון אַלע יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין לאָדזש.

ביי אַ פולן זאַל יוגנטלעכע, עפנט דעם מיטינג דער לייטער פון יוגנט־אָפּטיילונג און פאָרזיצער פון דער פאַרשטענדיקונגס־קאָמיסיע ח' קרופּקאָ. אין שאַרפע ווערטער דריקט ער אויס דעם פּראָטעסט פון דער ג א נ צ ע ר יידישער יוגנט קעגן די מעשׂים תּעתּועים פון די ענגלישע אָקופּאַנטן אין א"י.



יידן ווערן מיט געוואַלט אַרויסגעזעצט פון דער שיף „עקזאָדוס"

# רעזאָלוציע
## פון צ.ק. פון די יידן אין פוילן

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן דריקט אויס אין נאָמען פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר אַלע פריהייטס־ליבנדיקע פעלקער זיין טיפן צאָרן און שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן דעם ווילקירלעכן און אוממענטשלעכן אַקט, וואָס די ענגלישע מאַכט איז באַגאַנגען לגבי די העכער 4000 יידן, וועלכע האָבן מיט דער שיף „עקזאָדוס 1947" זיך געלאָזט צו די ברעגן פון פּאַלעסטינע.

2 יאָר נאָכן נצחון איבערן פאַשיזם, וועלכער האָט פאַרניכטעט 6 מיליאָן יידן, ווערן גיאָגייט די מעטאָדן, וועלכע האָבן דעם ציל מיט פיזישן טעראָר צו דערשטיקן די שטרעבונג פון אונזערע לייבלעכע ברידער און שוועסטער אַ סוף צו מאַכן צו זייער טראַגישן גורל.

דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון די דערמאָרדעטע און פאַרוווּנדעטע אויף דער שיף „עקזאָדוס 1947" מאָנט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, אַז ס'זאָל ענדלעך געלעזט ווערן דער פּראָבלעם פון די פאַרפייניקטע רעשטלעך פון אונזער פאָלק, וואָס שטרעבן אויסצוּוואַנדערן כּדי אָנצוהייבן אַ נאָרמאַל לעבן.

די געשעענישן אויף דער שיף „עקזאָדוס 1947" דעמאָנסטרירן פאַר דער גאַנצער וועלט, די באַרבאַרישע מעטאָדן פון די ענגלישע מאַכט־האָבער, וועלכע פאַרלעצן ברוטאַל די נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע ווירדע פון אונזערע פאָלקס־ברידער, קעגן וואָס מיר פּראָטעסטירן ווי אַמשאַרפסטן.

וואַרשע, 12 אויגוסט 1947

**צ.ק. פון די יידן אין פוילן**

# יונגע טאַלענטן

# רישאַרד באַקסט דער יונגער פּיאַניסט

פינף טעג האָט זיך געצויגן דער עלימינאַ־ציע־קאָנקורס פון יונגע מוזיקער פון גאַנץ פּוילן. אין וואַרשע אין זאַל פון „אימקא" זיינען ארויסגעטרעטן יונגע טאַלאַנטן: פידלער, פּיאַניסטן, זינגער פון אַלע עקן לאַנד.

יעדער פון זיי באַזונדער האָט אריינגעטראָגן עפּעס נייעס, דערהויבנס, האַלטנדיק אין שפּאַנונג דעם גאַנצן זאַל.

אין לעצטן טאָג באַמערקט זיך שוין א מידקייט ביי די צוהערער. מיט גרויס אומגעדולד דערוואַרט מען די רעזולטאַטן פון קאָנקורס. ווער וועט זיין צווישן די ערשטע פון די עטלעכע און דרייסיק יונגע טאַלאַנטן? ווער פון זיי וועט זוכה זיין צו פאָרן אויף דעם קאָנקורס, וואָס דאַרף אין א פּאָר חדשים ארום פאָרקומען אין זשענעווע? ווער פון זיי וועט רעפּרעזענטירן פּוילן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנקורס פון יונגע שטערנס אין דער מוזיק־וועלט?

ענדלעך טרעט ארויס די לעצטע זינגערין פון יעלעניא נורא און עס באַווייזט זיך אויף דער סצענע דער פּראָפעסאָר ברעגי. אַלע זיינען זיכער, אַז איצט וועט געמאַכט ווערן דער סוף פון קאָנקורס און דער טערמין פון פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די זיגער. צו דער גרויסער פאַרוואונדערונג פון אַלע אנוועזנדיקע מעלדעט דער פּראָפעסאָר ברעגי, אַז די זשורי האָט דערלויבט ארויסטרעטן דעם פּיאַניסט באַקסט מיט דער סאָנאַטע פון שאָפּען ה' מאָל, וועלכע איז נישט פאָרויסגעזען אין פּראָגראַם פון דעם קאָנקורס.

די ערשטע אַקאָרדן, וואָס באַקסט ברענגט ארויס, פאַרכאַפּן די הערער. אויף אַזאַ סיור־



פּריז האָט מען זיך נישט געריכט. מיט גרויס שפּאַנונג הערט מען זיך צו צו די איידעלע ווייכע טענער, וואָס באַקומען זיך ארויס פון אונטער זיינע פינגער. ער שפּילט עמאָציאָנעל, מיט געפיל, ארויסברענגענדיק איינגאַרטיקע באַטאָנונג און ניואַנסן. ער צייכנט זיך אויס מיט ווירטואָזער טעכניק און טיפן געפיל.

באַקסט האָט זיך באַוויזן אַלס א רייפער מוזיקער מיט א גלענצנדער טעכניק.

ווען עס האָבן זיך נאָך געטראָגן די לעצטע אַקאָרדן, האָט דער גאַנצער זאַל אויסגעבראָכן מיט לאַנגדויערנדע אַפּלאָדיסמענטן. מ'האָט דעם יונגן פּיאַניסט נישט אראָפּגעלאָזן פון דער סצענע. אַלץ, וואָס מען האָט געהערט במשך פון די 5 טעג פון דעם קאָנקורס איז געוואָרן קליין און בלאַס. באַקסט איז פּרעמירט געוואָרן מיט א גרויסער געלט־פּרעמיע. אין זאַל האָט מען זיך אָנגעהויבן באַלד פאַראינטערעסירן מיט אים. ווער איז ער? פון וואַנען שטאַמט דער יונגער יידישער בחור, וועלכער איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן צום סוף פון קאָנקורס און באַוויזן וואונדער?

* * *

רישאַרד באַקסט איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע. זיין פאָטער אַברהם, פון פאַך א צאָן־טעכניקער, האָט יעדע פרייע מינוט געווידמעט דער מוזיק. זיין מוטער פון דער היים הערצבערג, א לערערין פון מוזיק, האָט שוין פון 5 יאָר אָן איר בן־יחיד אָנגעהויבן לערנען שפּילן אויף פּיאַנינאָ. דער קליינער רישאַרד

ווייזט ארויס גרויסע פעיקייטן. מיט זיין אַבסאָלוטן געהער, גרויסע פּיאַניסטישע פעיקייטן און אייגענע קינדער־קאָמפּאָזיציעס ציט ער צו די אויפמערקזאַמקייט פון באַוואוסטן וואַרשעווער פּראָפעסאָר טורטשינסקי. אַלס אויסנאַם־פאַל נעמט מען דעם 6־יאָריקן פּיאַניסט צו אויפן ערשטן קורס פון וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריום. דאָ ווערט ער גלייך באַרימט אַלס וואונדערקינד. ביז דער מלחמה האָט באַקסט אונטער דער אויפזיכט פון פּראָפעסאָר טורטשינסקי געמאַכט גרויסע פאָרשריטן. די מלחמה רייסט אים אָפּ פון די עלטערן. ער ווערט עוואַקואירט קיין סווערדלאָווסק, וווּ ער טרעט אריין אין דעם עוואַקואירטן מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריום, וווּ ער לערנט זיך אין קלאַס פון באַרימטן פּראָפ. איגומנאָוו און שפּעטער ביים פּראָפ. נויהאוז. אין יאָר 1947 האָט רישאַרד באַקסט פאַרענדיקט דעם קאָנסערוואַטאָריום אויף אויסגעצייכנט.

היינט צו טאָג, ווען דער 21־יעריקער באַקסט האָט באַצויבערט די צוהערער אין וואַרשע אין זאַל פון „אימקא", איז קיינער פון זיינע נאָענטע נישט געווען. אין צייט פון דער מלחמה זיינען דורך די דייטשן אומגעבראַכט געוואָרן זיין פאָטער און מוטער, וועמעס צוואה ער האָט מיט עקשנות מקיים געווען, דערגרייכנדיק די העכסטע שפּיצן פון קונסט.

ר. באַקסט פאָרט איצט אויפן חשבון פון דער פּוילישער מלוכה קיין ראַטנפאַרבאַנד, וווּ ער וועט זיך אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפ. נויהאוז צוגרייטן צו דעם טראַדיציאָנעלן שאָפּען־וועלט־קאָנקורס, וועלכער וועט פאָרקומען אין וואַרשע אין יאָר 1948.

יהודית



**שמעון פאָגעלמאַן**

יונגער טאַלענטירטער סקולפּטאָר ביים פאַרענדיקן זיין אַרבעט „די יידישע מאַמע"



**נתן גראָס**

דער יונגער טאַלענטירטער פילם־רעזשיסער און סצענאַריסט, רעאַליזאַטאָר פון ערשטן יידישן פילם „נידער־שלעזיע"




לייבל קופערשמיט

## צי ביסטו דען?
(ליבע-ליד)

צי ביסטו דען א בלימעלע
און איך, א ווינטעלע באשטראפט.
און ס'איז נויטיק דיר מיין וואגלעניש,
אויף צעטראגן דיר דיין דופט?

דאס בין איך אליין א בלימעלע,
און אויך דאס ווינטעלע אליין.
מיין דופט, מיין ליד, וועט גרייכן דיך,
ווען איך וועל וויאנען אין פארג'יין.

צי ביסטו דען א שטערנדל,
א ווייטס און נישט דערגרייכטס.
און ס'איז נויטיק דיר מיין פינצטערניש
אז דו זאלסט קאנען לייכטן?

דאס בין איך דאס שטערנדל
און אויך די פינצטערניש אליין,
מיין ליד, מיין שטערנדליכט וועט גרייכן דיך,
ווען איך וועל מער נישט זיין.

ו. ה. איוואן

## צו דיר
(ר. ח.)

איך האב געזוכט דעם וועג צו דיר
ווו אין דער נאכט א וואנדערער, — א פלעמל שיין
האט מיר די ליכטיקייט פון דיינע אויגן געוויזן,
דעם וועג אין דיין הויז אריין.

האט די שיינקייט פונעם ארום
אויפסניי פאר מיר דערוואכט.
ווען דו האסט דאס ערשטע מאל
צו מיר געטאן א לאך.

האבן לאמפן ליכטיק העל
זיך פאר מיר צעברענט.
ווען דו האסט אויסגעשטרעקט צו מיר
דיינע ווייסע צארטע הענט.

האב איך דערפילט די יונגע פרייד
און נאך דיין רוף געגאנגען.
ס'האט דער ארום גערופן מיך
מיט טויזנטער פארלאנגען.

פערל האלטער

## פייגעלעך! פייגעלעך!

פייגעלעך! פייגעלעך! קומט דא צו פליען.
איך האב פאר אייך קרישקעלעך ברויט.
דער הארבסט האט מיט רעגן די וועגן פארגאסן,
און ס'איז ביי אייך הונגער און נויט.

ס'פאלן די בלעטער פארגעלטע, פארוועלקטע,
עס וועלן דיביימער שוין נאקעטע שטיין,
פארלאזט־זשע די קאלטע פארעגנטע נעסטלעך
און קומט אין מיין שטיבל אריין.

אונטער מיין דעכעלע אויסבויען וועל איך
א נעסטל א וואַרעמס פאר אייך,
כ'וועל פעדערן נעמען פון קישעלע מיינעם
ס'זאל זיין אייך אי וואַרעם אי ווייך.

און ווען ס'וועט דער פרילינג מיט גילדערנע שטראַלן
פאַרייאָגן דעם שניי און די קעלט,
מיט אייך וועל איך, פייגעלעך, ליבינקע פליען
אַנטקעגן דער לויטערער וועלט.

משה שקלאר

## אויף וועגן

מיין וועג פירט אן אויפהער דורך געטאָס צעשטערטע,
דורך ציגל און שטיינער אין פוילישע שטעט.
ארויף קוקן בוימער צום הימל פארקלערטע,
באמעריקן מיין שאטן אויף וועגן פארווערטע,
ווי יידישע פוס ווידער טרעטן.
זיי טרייסלען פאראומערט די קעפ און זיי שווייגן,
נאר איך זער א שטים אינם רויש פון די צווייגן —
צו שפעט שוין, צו שפעט...

די חורבות באוואקסן מיט מאכן און שימל
גייען מיט מיר איבער פוילישע שטעט.
ס'באגלייט מיך אן אומעטיק פוילישער הימל —
פון ווארשעווער געטא א וועלקנדיק בלימל —
א גרויער סקעלעט.
נאר אט וואקסט א ייד אויס אויף חורבות — א גרייזער,
אריבער די בוימער, אריבער די הייזער
און רופט: נאך נישט שפעט! נאך נישט שפעט!..

ש. מיצמאכער

## עס רוען די קברים...
(פון א פאעמע)

עס רוען די קברים אויפן אלטן בית־עולם —
דער אייביקער זכר פון יידן אין פוילן.

דער ווינט פליקט אראפ פון די ביימער די בלעטער
און טראגט זיי אוועק אויף די חורבות פון געטא

און אונטער די חורבות עס רוען די ביינער
פון קעמפער, וואס זיינען געפאלן ביז איינעם.

מיט פייער, מיט שטיינער, מיט נאקעטע פויסטן
געגאנגען אנטקעגן די לופעס אנטבלויזטע.

די ווינטן צעפליגלען דעם רום פון די דירות
וואס האבן געבוירן אזעלכע גבורים.

עס רוען די דורות אויפן אלטן בית־עולם —
דער אייביקער זכר פון יידן אין פוילן.



# פאר אונזערע קינדער

## מעשהלעך פון ישראל אשעור־אורי

### פיש און זשאבע

דער שמועס איז פאָרגעקומען אין טייך. געזעדט צווישן זיך האָבן א פיש מיט א זשאַבע. אויף אַן אמת האָט בלויז גערעדט די זשאַבע. און דער פיש? — וועגן דעם וועט איר זיך דערוויסן ביים סוף.

זאָגט די זשאבע צום פיש:

— וואָס פארא אומגליקלעך באשעפעניש דו ביסט, דו און די דיינסגלייכן! איר זענט דאָך אלע שטומע קאליקעס! אָט למשל איך — בין עפּעס אנדערש. ווי אזוי עס גייט נאָר אויף די לבנה אויפן הימל דערוועקט זיך אין מיר מיין טאלאנט און איך הויב אָן צו רעדן און זינגען. איך בין — די פּאָעמעסע פון טייך!

דער פיש שווייגט, נאָר מיר, קינדער, וואָס קענען יאָ רעדן וועלן ענטפערן דער זשאבע און אָט אזוי:

— איידער אזוי צו זינגען ווי א זשאבע, איז שוין בעסער צו שווייגן ווי א פיש.

### מטבעות

אין דער קאסע ליגט געלט פארשידנס: פאפירענע באנקנאָטן און גאָלדענע, זילבערנע, ניקלענע און קופערנע מטבעות. די מטבעות פירן די גאנצע צייט צווישן זיך א שמועס, דערציילן זיך מעשיות, זינגען און לאכן.

ביי דער זייט ליגט זיך א הונדערטער. ער ליגט זיך בכבודיק, גאווהדיק. אים פארדריסט זייער דער רויש און טומל פון די מטבעות און ער טוט בייז א ברום:

— שטילער, שטילער! פארשייטע קבצנים!

די מטבעות טוען זיך א רוק אָפּ דערשראָקן. עס ווערט שטילער. נאָר איין מטבע, א דריימיע, טוט זיך צום הונדערטער א קוילער צו און פרעגט אים:

— ווער ביסטו עם אזעלכער, וואָס דו שרייסט?

דער הונדערטער טוט אויף דער מטבע ביטולדיק א קוק. יאָ ענטפערן, איר, אָדער נישט? נאָר ער ענטפערט:

א הונדערטער.

די מטבע באקוקט א ווײַלע דעם הונדערטער. באטראכט אים גוט און גיט זיך דערנאָך א קוילער צוריק צו די חברים. זי גיט א שושקע:

— קומט חברה, לאָמיר אים א טאפּ טאָן.

אלע מטבעות טוען זיך מיט נייגיר א קוילער צו צו דעם הונדערטער און נעמען אים באטראכטן.

— גנעריקער הער, שטאמלט א גאָלדענע מטבע — אנטשולדיקט... מיר זיינען געקומען... ועקומען צו אייך כדי.. אנטשולדיקט...

—וואָס שטאמלסטו און נייגסט זיך אזויפיל — טוט א שפּרונג אויף א קופערן פּיאטעקל — איך האָב ליב אָפענע דיבורים. ווער זענט איר עם אזעלכער און פונוואנען קומט איר?!

— פון וועגן אָן איז מחויב א הונדערטער אָפּצוגעבן חשבון א פּיאטעקל — גיט זיך א שטעל מיט הוצפה דער הונדערטער.

— ערלעכע לייט האָבן נישט מורא פאר קיין חשבון — ענטפערט דאָס פּיאטעקל — אנו! חברה, טוט אים א באטאפּ!

די איבעריקע באקומען מוט און טוען זיך אלע צום הונדערטער א לאָז צו. דער הונדערטער שרייט, פּראָטעסטירט, דראָט, נאָר אים העלפט גאָרנישט.

מיטאמאָל גיבן אלע מטבעות א צעקלינג די גייעס:

— א פאלשער!

נאָר דער הונדערטער שרייט:

— אָבער איך בין א הונדערטער!

זאָגט דאָס פּיאטעקל:

— די גרויס אונזערע, איז א זאך פון דעם גורל: ווי וויגמען עס איז באשערט. דאָס סאַמע וויכטיקע איז, יעדער אין זיין גרויס — זאָל זיין עכט.

### ציפערן

זיינען זיך געלעגן אין א קאסטן ציפערן. דער זעצער האָט זיי א וואָרף געטאָן אהין און ווי ווער ס'איז געפאלן. איינע — אין דער ברייט, א צווייטע — שיף, א דריטע — מיט דעם קאָפּ אראָפּ א.א.וו.

— ווײַ, וואָס פון אונז איז געוואָרן — קרעכצט איין ציפער. מיר האָבן דאָך אלע פארלוירן אונזער אמתדיק אויסזען.

— און ווי זע איך אויס — פרעגט א ציפער דער שכנטע.

— דו זעסט נאָך אויס נשקשהדיק. אָט, ווי א זעקס דאָרף אויסזען.

ווײַ איז מיר, וואָס רעדסטו! איך בין דאָך נישט קיין זעקס, איך בין דאָך א ניין!

— העי, אפּנים, אז דו ביסט געפאלן מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט דעם פוס ארויף, נאָר דאנק גאָט דערפאר, פארלוירן פון זיך א דריטל, אָבער זעסט פאָרט אויס ווי א ציפער!!

— און ווי אזוי זע איך אויס, מען דערקענט מיך? — פרעגט א ליגנדיקער אכט.

— דו זעסט אויס, ווי אַ בריל — ענטפערט די שכנטע — אָט אַזוי, צוויי רינגעלעך: ∞

— און איך ווי זע איך אויס? — פרעגט די פיר.

— דו וואַרט נאָר, נאַ ווי אַ בענקל, אָט אַזוי: ↄ.

— כא, כא, כא!, — הערט זיך א געלעכטער.

— ווער לאכט עס אזוי גראָב? — פרעגן די ציפערן.

און אלע דערזען באלד, ווי די נול קייקלט זיך פאר געלעכטער.

— וואָס איז געשען? וואָס פארא געלעכטער אויף דיר?

— זעט נאָר, ווי איר זעט אויס — זאָגט די נול — איר האָט זיך דאָך אלע געביטן. מען קען פון אייך איצט קיינעם נישט דערקענען!

און זי גיט צו מיט שטאָלץ:

— אָבער איך — איך בין געבליבן די זעלבע ווי געווען!

ענטפערט איר א ציפער:

— אמת, דו ביסט גערעכט, א נול, אומעטום, ווו זי זאָל זיך נישט געפונען און אויף וואָסער א זייט מען זאָל זי נישט וואַרפן פאסט זי זיך צו און עס איז איר גוט.

### פון רעדאַקציע

**מיר בעטן אייך קינדער צוצושיקן אייגענע שאַפונגען, צייכענונגען, שפּילערייען א. אנד.**

אברהם זאק

# ל י ד ע ר



## צו אײנער אין גלות

כ'האָב דיך געטראָפן אויף די טריבע וועגן פון מיין גלות.
עס האָט פאַרבלענדט מיך באַלד דיין צאַרטער, מזרחדיקער חן.
דו האָסט דייז האַנט געשטרעקט צו מיר – און כ'האָב ווי אַ בן-מלך
אין קרוע בלויה נאָך די טריט דיינע גענומען גיין.

דו האָסט געפירט מיך, נע ונדן, און געוויזן ווונדער:
כ'האָב פלוצלינג ווידער זיך אין אַלטן עבר-גלאַנץ דערזען...
עס איז מיין פרייד, מיין פרייד אַמאַליקע צוריקגעקומען, –
צוריקגעקומען ווי אַ מעשהלע, וואס איז געווען – –

אַק-בולאַק, נאָוועמבער 1943.

## אין די נעכט...

אין די נעכט אָן שלאָף,
לאַנגע אָן אַ סוף –
כ'קוק צום מערב-זייט
און פאַרנעם פון ווייט
קולות און געוויין.
ס'רופן גרויס און קליין,
זקן, פרוי און קינד:
„לייזט אונז אויס געשווינד!"
ס'שרייען דאָרף און שטאָט,
רופן וועלט און גאָט
קעגן תּליונס האַנט,
וואָס מאַכט וויסט דאָס לאַנד,
וואָס ער טויט און שענדט,
וואָס ער צינדט און ברענט.
אין די נעכט אָן שלאָף,
לאַנגע, אָן אַ סוף...
צאָרן גליט און בריט,
די נקמה ציט:
„קום מיט פייער, שווערד
און באַפריי די ערד!"...

1944

## ב ו כ אַ ר ע

ס'דערמאַנען דיינע פעסטונגס-ווענט ירושלים—
געזעז איז יינע חדר-יאָרן נאָך אַמאָל.
מיט אַלטן מזרח ווייט פון די מעטשעטז דיינע,
פון דיינע שמאָלע געסעלעך אויף באַרג און טאָל.

איך זע די שטאָלצע זקנים דיינע – די „באַבאַיען"–
מיט הדרת־פּנימדיקע ווייסע, לאַנגע בערד,
אויף אייזלען זיצנדיק און ברומענדיק א ניגון,—
און ס'דוכט זיך מיר: איך האָב דאַ דעם אַמאָל דערהערט...

– סאַלאַם אַלייקום! —גריסן ליבלעך די „באַבאַיען"
מיט גרוס מיט היימישן פון אַלטן, אַלטן כנען.
און ס'דוכט זיך מיר, עס קומט אויך באַלד אברהם אבינו
צו רייטן אויף אַן אייזעלע צום קאַראַוואַן.

און זע איך דיינע טעכטער מיט די קריג אויף אַקסלען,
שוואַרץ-אויגיק, פול מיט חנען און פאַרברוינט פון זון, –
דאַז מיינט זיך מיר: אמהות... רבקה... רחל... לאה...
און ס'גלוסט זיך זאָגן זיי: „איך בין דאָך אייער זון"...

בוכאַרע 1942; רעסטאַווירט: לאָדוש, 1947

---

לעכער בענקשאפט נאָך זיין פוילישער היים, האָט אברהם זאק זיך דערוווסט וועגן דעם גרויליקן טויט פון זיין גאנץ פאָלק, פון זיין אייגן פערזענלעך לעבן און פון זיין שיינעם טרוים וועגן מענטש, און זיין טיפער און אייג־יאמער ווייטיק זוכט אן אויסוועג און טרייסט אין זיין שטענדיקן חבר און באגלייטער, אין זיין ליד. און נאָך אויף סאָוויעטישער ערד הויבט אָן זאק זיין אומאויפהערלעך איכה־ליד, זיין גרויסן קדיש נאָך דעם אומגעקומענעם פוילישן יידנטום. הונדערטער לידער האָט זאק אָנגעשריבן אין משך פון די לעצטע פאָר יאָר, נאָר אלע זיינען געווידמעט איינער און דער זעלבער טעמע, דעם גרויסן נאציאָנאלן אומגליק פון יידישן פאָלק. זאַק קען פון דער טעמע נישט אוועקגיין:

„איך קען נישט קיין אנדערן סדר־היום —
פרימאָרגן, ביינטאָג, צי ביינאכט —
נאָר וואַרשע... נאָר געטאָ... נאָר בלוטיקער
תהום..."

זעלטן־ווען עס רייסט זיך ארויס איצט ביי זאקן א ליבע־ליד און ווען יאָ, איז עס אויך א דער־נערונג פון אמאָליקע צייטן, נאָך זעלטענער א ליד, אין וועלכן ער זעט ווידער אויפגיין פרייד און א שטרעבונג צו א ניי לעבן, אָדער אפילו א ראָמאַנטישע בענקשאפט צו א געוויסער ענדערונג, אזוי טיף איז זאקס וואָרט דורכגענומען מיטן ווייטיק פון פאָלק, אזוי טריי וויל ער אויסקלאָגן זיין גרויסע קלאָג. און ער טוט עס מיט פאָלקסטימלעכער פּש־טות, מיט אומיטלבארן געפיל און אויפריכטיקן, נאָר געצווימטן צער. דערפאר גייען טאקע אויף אלע זיינע לעצטע לידער וועגן חורבן און אומקום, ווי די לידער פון פאָלק אליין.

און דאָך, ווען מען קוקט זיך טיפער אריין אין דעם טונקעלן אומעט פון זאקס ליד דער־זעט מען דאָרטן די ערשטע שפּראָצן פון נייע דורכלויכטן, וועלכע וועלן האָפנטלעך זאקן דערפירן סוף־כל־סוף צו גאָר אַן אנדער גע־מיט־צושטאנד און צו גאָר אַן אנדער ליד. די דאָזיקע דורכלויכטן, דאָס זיינען די מאָמענטן פון איבערמענטשלעכער גבורה, וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט ארויסגעוויזן אין די דאָ־זיקע טראגישע יאָרן. פּאַמעלעך און נאטירלעך גייט זאק איבער צו אָט די נייע מאָטיוון, וועל־כע ער פּאסט זייער ריכטיק אויף, נישט ווי עפּעס א קעגנזאץ צו זיין ביזאיצטיקער קלאָג, נאָר ווי א מאָמענט, וואָס וואקסט פון איר גר־פּא ארויס. אזא איז זיין לעצטער דראמאטי־שער איינאקטער וועגן אייניקע עפּיזאָדן אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאנד, „אין איינער א נאכט".

אברהם זאק איז איינער פון אונזערע פּרוכטבארסטע שרייבער. ביי א צוועלף ביכער אָריגינעלע פּראָזע און פּאָעזיע, אויסער א גאנ־צער ריי איבערזעצונגען פון דער רוסישער לי־טעראטור, האָט ער שוין צו פארצייכענען אויף זיין ליטעראַרישן אקטיוו. מיר קענען דעריבער מיט דער פולער זיכערקייט האָפן, אז אויך דער מאָמענט פון יידישער גבורה און יידישן דראנג צו א ניי לעבן, וועט נאָך געפינען דעם געהע־ריקן אויסדרוק אין זיין שטילער, אומיטלבא־רער און שטימונגספולער ליד.

שלמה לאַסטיק

# דער מענטש וועט גוט זיין...

## / וועגן משלים-ביכל פון לייב אָליצקי /

דער משל אין אונזער ליטעראטור האָט אפשר דעם עלטסטן יחוס־בריוו, מען קאָן אים אָנהייבן אזוי גוט פון נאטלאבערן, ווי פון די הגדות, די תלמודישע מוסר־ביכלעך און די שפּעטערדיקע בעל־דרשנים, וואָס האָבן די אלעגאריע גענוצט מיט א ברייטער האנט. געשריבן האָבן ביי אונז משלים פאַרהעלטניסמעסיק מער שרייבער ווי ביי אנדערע פעלקער, און דאָך האָבן מיר נישט, אויסער שטיינבארגן, קיין אנערקענטע אלגעמיין אָנערקענטע משלים־שרייבער. אלזאָ, שרייבן משלים איז איינס, ווערן א משלים־שרייבער איז גאָר עפּעס אנדערש.

וואָס איז א משל? — סינטעזירטע פאָלקס־חכמה געגעבן דורך א פּאָעטישער אלעגאָריע.

בכדי דער משל זאָל טרעפן צום פארשטאנד און הארץ פון לייענער דארף ער זיין רייך אין לעבנס־אָבסערוואַציע, מענטש־און לעבן־קענטעניש, פאָלקסטימלעך אין טאָן, אָנציעוודיק און שפּילעוודיק אין דיאלאָג, בילדעריש און טרעפלעך צופירן צו דער פּוענטע, צום מוסר השכל.

בכדי דער משל זאָל בלייבן „אייביק" אקטועל דאַרף ער גובר זיין דאָס צייטלעכע, וואָס האָט אים אינספּירירט און צום לעבן גערופן און באַקומען די קראפט פון אויסערצייטלעכן אלמענטשלעכן, „אייביקן" אמת. דעריבער שטארבן אָפּ פריער די משלים, וואָס זיינען סאטיריש־סארקאסטיש און באגרענעצן די פאבולע, שפּיצן זי צו צו ענג־צייטלעכע סאָציאל־באגרענעצטע אטאקעס (קאַראבקע, ברומקייט, אבסקוראנטיזם א.א.וו.) און ס'האָבן אלע שאנסן צו ווערן אלצייטיק אזעלכע משלים, וואָס זיינען מער הומאָריסטיש טראַקטירט און באקעמפן מענטשלעכע און נאציאָנאַל־אייגנטימלעכע שוואכקייטן, וואָס לעבן לענגער, ווי די באגרענעצטע ענג־צייטלעכע דערשיינונגען. אנדערש געזאָגט — עס שפּילט א דעצידירנדיקע ראָל דער אויסוואַל פון דער טעמע, אלעגאָריע און זייער סאָציאלע אָנגעזעטיקטקייט, און דאָ ווערן געשטרויכלט פיל מחברים פרעדיספּאָנירטע צום משל. דערפאר אזוי ווינציק משלים־שרייבער, וואָס לעבן לענגער ווי זייער תקופה.

* * *

לייב אָליצקי איז א משלים־שרייבער. דאָס האָט זיך געלאָזט מערקן אין דעם ערשטן משלים־ביכל, וואָס ער האָט פאַר דער מלחמה פארעפנטלעכט, דאָס מערקט זיך מיט נאָך מער קראפט איצט. ביי אָליצקין איז פולשטענדיק פארהיט דער פאָלקס־טאָן פון משל, ער פארמאָגט אָפט א פרעכטיקן דיאלאָג און דער עיקר — א ברייט שטייגעריש געמעל, וואָס ווערט געגעבן מיט א קלוגן פאָלקסטימלעכן שמייכל. דערביי איז דער



מחבר באשאָנקען מיט א טיף פּאָעטיש אויג און א ליריש געמיט און דאָס גיט צו דעם משל פּאָעטישן קאָלאָריט. עס זיינען פאראן ערטער אין די משלים, וואָס ווען מען זאָל זיי ארויסנעמען פון דעם פאבולע־קאָנטעקסט, און ווען זיי זיינען אריינגעהאָפטן, וואָלטן זיי געקאָנט אָנגיין אלס פּאָעטישע בילדער:

דער ווינטער קאָוועט אין דעם וואלד
מיט פראָסט און שווייגן,
די נאכט פארבאָרגט דעם קאָפּ אין שניי
אויף צווייגן.
עס ציטערן פון קעלט די שטערן איבער זיי,
און ס'גליווערט די לבנה אין א דרימל.
ביים ראנד פון וואלד פארגייט זיך אין געוויי און ווי
רב וואָלף פאַרייסנדיק די באָרד צום הימל....
(„רב וואָלף און דער פוקס")

וועגן א העפט שרייבט אָליצקי:

......ער האָט מיט וואָס שטאָלצירן —
דער מענטש געטרויעט אים זיין רעיון און געפיל!
אין בלאנק פון זיין פּאַפּיר עס שפּיגלען זיך געהירן;
און דורך זיין ווייסן לייב — א הארץ שלאָגט הייס און שטיל..

עס וואָלט זיך אזעלכע שטעלן געלאָזט פארמערן, אָבער צי איז עס די הויפּט־מעלה פון אָליצקים משלים? ס'וואָלט געווען צו ווינציק.

לייב אָליצקי איז, ווי שוין געזאָגט, א מייסטער פון שיין, לאָגיש, געבויטן דיאלאָג. און בויען א דיאלאָג אין א משל איז ווייט נישט פון די לייכטע זאכן. נישט לייכט דערפאר, ווייל דאָ דארף אונז דער מחבר צווינגען צו גלויבן, אז דער פוקס אָדער פּניאק, אָדער העפט, אָדער שלאָס, אָדער שול־גלעקל האָט ווירקלעך אזוי געטראכט, גערעדט. מיר מוזן אין דער מינוט, ווען מיר לייענען די אלעגאָריע, גלויבן, פונקט ווי מיר גלויבן און לעבן איבער דאָס, וואָס געשעט אין טעאטער, דגם מיר ווייסן, אז מיר האָבן פאר זיך פארשטעלטע געשטאלטן, און אנשטאט ווענט — באמאָלטע לייוונטן, אנשטאט משקה — וואַסער א.א.וו. אָן דער וואַרשיינלעכקייט וואָלט מיר נישט אימשטאנד געווען אויפצונעמען די אלעגאָריע, איר זין. מיר גלויבן דעם משלים־שרייבער אָליצקי און שמייכלען מיט מיט דעם דורותדיקן יידישן שמייכל איבער מענטשלעכער פוסטער גאווה, רשעות, בארימעריי, פאַראזיטיזם, הניפה, אומגינציקייט, נישט פארגינערישקייט, א.א.וו. מיר קוקן אויף די אנטבלויזטע מענטשלעכע און געזעלשאַפטלעכע פעלערן, שמייכלען און פאראורטיילן זיי.

אין לייב אָליצקים משלים פילט זיך, אז דער מחבר טראָגט ווירקלעך פאר „דורות ווייטערע" דעם „אָפּגעראטעוועטן גלי" פון פאָלק, וואָס חוזקט אָפּ פון קלאָג־מוטערס, פון הירזשיקלעך, וואָס ווילן זיך אריינכאפּן אין א פרעמדער ברוינער פעל און ווערן מיט די הערשער גלייך, און דריקט אוים דעם פאָלקס־ווונטש און טרוים וועגן דער צייט, ווען א ברודער וועט א ברודער דערקענען. ס'רעדט ארוים דער הייסער פארלאנג פון די לעבנגעבליבענע דורכן אויסרוף: „נישט קיין צייט פאר טרויער און געוויין".. „צום בויען ברידער, שאַפן, זיך פארמערן!"

* * *

ווען דו לייענסט זיך ארייַן אין אָליצקים 51 אָריגינעלע משלים, באמערקסטו, אז דער משל איז ביי אים ברייטער, מער באטייטיקער ווי דער נמשל, אז נישט בלויז אין נמשל איז פאראן די פּוענטע, דאָס שלאָג־וואָרט, נאָר אז עס געפינט זיך אָפט אין עצם טעקסט. בדרך כלל איז עס נישט קיין מעלה. מיר זיינען געווינט צו אינדיוויטיקייט פון משל, אז דער נמשל איז א לאָגישער פועל־יוצא פון דער אלעגאָרישער פאבולע, און זאָל פולשטענדיק אויסשעפּן דאָס, וואָס דער מחבר האָט געוואָלט זאָגן. אָליצקים משל איז נישט אלעמאָל איינבאַדייטיק. אזוי צ.ב.: איז דער נמשל פון „דאָס גרויע שטיקל טייג און דאָס געבעקס":

„פאראן א פאָלק, וואָס ווערט פון פעלקער פיל געשענדט
און צייטנווייז פארלענדט,
און ס'האָבן אלץ די ברידער נאָך די ברידער נישט דערקענט".

עס וואָלט זיך אָבער אָן שוועריקייטן געלאָזט מאכן א צווייטער אויספיר: ווי לעבעדיק עס זעען אוים מענטשן, וואָס קאָנען נישט אָדער ווילן נישט קאָנען זייער שטאם. דער משל „פּדצור מיטן שטויבן־פּוצער" קאָן פונקט אזוי גוט טויגן אלס סאטירע אויף ביי

# דער פעלז

אכמעד יאריקעוו
(טאטארישער פאעט)

יידיש: משה קנאפהייס

מיטן ים צעקריגט, פאראייניזאמט,
שטייט דער פעלז און שטארט.
ס'קוקט דער ים אין הימל איין זיך
און אויף שטורעם ווארט.

שטאלץ דער פעלז איז, הויך, מאסיוו — ער
און פון את דעם פעלז,
ביי דעם שיין פון נאכט פון טיפער,
איצט דערציילן כ'וועל.

כ'איז מיין חבר דרייסט געפלויגן
אויף זיין פערד אין שלאכט.
דא, ביים פעלז־אפהאנג, די אויגן
האט ער צוגעמאכט.

עס געדענקט דער פעלז־אפהאנג אים
זיכער נאך ביז היינט.
אומפארגלייכלעך־דרייסט געראנגלט
ר'האט זיך מיטן פיינט.

ווי נאך ר'איז מיט ערשטע רייען
פון די בערג אוועק.
אויפן פעלד די פאן צעווייעט,
אין זיין האנט געשטרעקט.

פון צעברויזטן ים די וועלן
שלאגן ביז צום ברעג.
זינגען ס'ליד פון פרייד און העלן
טרויער נעכט און טעג.

יונגט־זשע וועלן פריילעך־זיס אין
אייער פרייען גאנג.
מידע פון דער היץ — ציפריסן
לעכצן דאס געזאנג.

שלאף, דו פעלז... כ'וועל קומען גיך צו
דיר מיט שארף געצייג.
פון מיין פריינט כ'וועל ס'ליד אויסקריצן,
ס'ליד פון ים וואס שטייגט.

ס'איז שיין און שטארק געווען מיין יונגער
חבר ווי דער פעלז.
זאל־זשע איבער וועלן קלינגען
שטענדיק ס'ליד פון העלד.

# כ'גלויב

פסח בינעצקי

ווען דער מארגן גייט אויף אין באגינען
און די נאכט טריפט אראפ פון דער שויב,
ווערט דער נעפל אין אויג מיר אנטרונען —
קומט א העלקייט מיר אן און איך גלויב:

כ'גלויב דעם צווייג אין זיין הארבסטיקן טרוימען —
נאך געשען וועט פון בליען דער נס.
און דעם שוואלב אין די בלויאיקע רוימען —
ער וועט קומען צוריק צו זיין נעסט.

כ'גלויב דעם אלטן פארגעסענעם ניגון,
וואס די מאמע פלעגט זינגען ביים וויג —
ער וועט ווידער די קינדער פארוויגן
און די ציגעלעך רופן צוריק...

כ'גלויב אין ליכטיקן וועג פון די דורות,
וואס ברענט און ער ווערט נישט פארברענט —
אין מיין פאלק, וואס געקייטערט געווארן
און דורך לײַדן זיין כוח דערקענט...

כ'גלויב אין ליכטיקן וועג פון די דורות,
וועלכע גייען אלץ ווייטער פארויס.
אינם ליכט פון די אלטע מנורות,
וואס זיי לעשן זיך קיינמאל נישט אויס...

און וואס ברענען מיט פייערן נייע
פונם מזרחס צעצונדענעם פלאם.
כ'גלויב אין יידן, אין קרעפטיקע, פרייע,
פון דעם ווידערגעבוירענעם שטאם...

זע קריטיקער, ווי א נייע אויפלאגע פון קרילאווישן „אוהלוזשליווי דוראק אפאסניע וראגא". דער פיעכטיקער משל „די בייזע שיינע רייזיע" קאן צופירן צו אליצקיס נמשל וועגן דיכטער „דער צרה", „וואס גריזשעט יעדן חברס שאפן מיט די ציין", כאטש ער אליין איז אימפאטענט, ווי צום יידישן ווערטל: ביי יענעם א שטויבל ביי זיך נישט קיין באלעם, אדער צום קרילאווישן „טשעם קומושעק שיטשיטאט' טרודיטסיא' ניע לוטשע לי נא סיעביא קומא אבאראטיטסיא".

מיר וואלטן אזוי געקאנט א גאנצע ריי נמשלים צעצווייען. דאס אלץ, וואלט געווען שלעכט, ווען די אנדעריע אויספירן וואלטן פארשמעלערט דעם נמשל, זיין אלגעמיינקייט. צום גליק געשעט עס ביי אליצקין זעלטן און דערפאר שטערט עס נישט, — פארקערט ס'ווייזט, אז אליצקיס אלעגאריש געמעל איז אזוי רייך, פארביק און אינהאלטפול, אז עס צערייסט די ענגע ראב פון נמשל...

נאך א כאראקטעריסטישער שטריך ביי אליצקין: ער באנוצט זיך ווייניק מיט קאנאניזירטע אלעגארישע אביעקטן אין דער משלים־שרייבעריי. באנאנד מיט די פיל גענוצטע וועלף, פיקסן, חזירים, פייגל און שרצים פארנעמט א ביז גאר אנגעזעען ארט, א דאמינירנדיק ארט, דער דומם, די טויטע נאטור, דער קענגשטאנד.

פון 51 משלים פארמאגט 28 דעם דומם אלס אלעגארישן העלד. דאס גיט צו פרישקייט, דאס ווייזט, אז אליצקי גוסטירט מער מיט שטיינבארגן, וואס איז אויך אוועק פון די צו שטארק עקספלאאטירטע בעלי חיים צום דומם. ביי אליצקין לעבט דער דומם, ער לעבט מיט זיין עכט, אייגן, באזונדער לעבן, האט זיין כאראקטעריסטישן קאלאריט און חן, זיין פארב און איינגשאפט, זיין שפראך און לאגיק.

אליצקי איז אויך שפילעוודיק, פילט זיך ביז גאר היימיש סיי מיטן אלעגארישן העלד, סיי מיט דער אלעגארישער מעטאפארע. און אויב דער פוקס איז בארימט מיט זיין כיטרעקייט, הייסט אים אליצקי זיך באנארישן און




די הילע פון בוך געצייכנט פון ה. העכטקאפ

לערנען היגיענע דעם חזיר, און פארגעסן דעם פשוטן אמת, אז „ס'קאן נאך ווער ארויפציען אויף זיך א פרעמדע פעל, נאר פון דער איינגענער וועט קיינער נישט ארויס", דער האז — דער סינאנים פון פחדנות ווערט ביי אליצקין א נארישער העלד.... ס'דארף אויך באמערקט ווערן, אז באנאנד מיט דעם גלייכווערטל אין נמשל, געפינען מיר אפט אין אליצקיס משלים פרעכטיקע גלייכווערטלעך אין טעקסט גופא, וועלכע וועלן אן ספק דורכן שול־קינד אריין אין פאלקס־געברויך. די זינגעוודיקייט, וויילקלינגעוודיקייט פון פעיז, די פאלקסטימלעכקייט און אקטועלקייט סיי פון אריגינעלן, סיי פון איבערגעזעצטן קרילאווישן משל, זייער גרויסער דידאקטישער און לעבן־באיאענדיקער ווערט מאכט אליצקיס משלים־ביכל פאר א ביז גאר וויכטיקער פאזיציע אין אונזער קולטור־פארמעגן און וועט מיט פרייד אויפגענומען ווערן דורך קינדער און דערוואקסענע.

* * *

לייענסט איבער דאס שיינע משלים־ביכל פון דעם באקאנטן פעדאגאג און באוווסטן שרייבער און נישט געקוקט, וואס דא ווערן אנגעוויזן געוויסע קרענקלעכע אנגעוואקסן אויף דער מענטשלעכער פסיכיק, וואס דעפארמירן דעם מענטש, נעמען אים אפ דעם צלם־אלוקים — הויבסטו אן גלויבן צוזאמען מיטן דיכטער: דער מענטש וועט גוט זיין, עס וועט אים נאך גוט זיין, גלייבסטו אין זיג פון מענטשלעכן איבער דער חיה, פון ערלעכקייט איבער צביעות, פון שאפונגס־פרייד איבער דעברימירנדיקן געוויין, אז עס וועט ארויסגעריסן ווערן אלדאס בייז, וואס שטערט דעם מענטש גוט זיין. דאס וואס דאס ביכל פארמאגט נישט קיין גאליקייט אין זיך, איז מער נוטה צו הומאר, ווי צו בייזער סאטירע, פארשטייגערט נאך מער די קלעפ, וואס זיינען געצילט אין די מענטשלעכע חסרונות. פאראורטיילנדיק די דאזיקע חסרונות דורך געלעכטער, רייניקן מיר זיך, ווערן געלייטערטער און בעסער...... דער מענטש וועט גוט זיין!

ב. קאַבּרינסקי

# מיקראָבן אַלס פאַרבינדעטע פון מענטש

ביים ברייטן עולם איז איינגעבירגערט דער געדאנק, אז מיקראָבן — אָט די קליינינקע לעבעדיקע באשעפענישן, וועלכע מען קען נאָר זען אונטער דער פארגרעסערונג פון מיקראָסקאָפּ, זיינען אין אלגעמיין שעדלעך פאַ־ן מענטש.

די דאָזיקע מיינונג איז וויט נישט קיין ריכטיקע. די געלערנטע איז שוין פון לאנג באקאנט דער פאקט, אז צווישן דער גרייסער מאסע פון מיקראָבן, וואָס רינגלט אונז ארום, געהערן נאָר אייניקע סאָרטן צו אונזערע געפערלעכע פיינט, ווייל זיי רופן ארויס געפערלעכע קראנקהייטן, ווי טיפוס, כאָלערע, טובערקולאָז, לונגען־אנטצינדונג אין אנדערע. עס איז דורך די באקטעריאָלאָגן אויף זיכער פעסטגעשטעלט, אז די גרעסטע צאָל מיקראָבן ווייזן נישט ארויס קיין שעדלעכע ווירקונג, אפילו ווען זיי דרינגען אריין אין דעם מענטשנס קערפּער.

דאָס האָט שוין געוווסט דער געניאַלער פּאַסטער — דער באקעמפער פון שעדלעכע מיקראָבן. אדאנק אים האָט מען זיך אויך דערוויסט, אז עס עקזיסטירן מיקראָבן נוצלעכע פארן מענטש. מיקראָבן שפּילן א וויכטיקע ראָל אין אלערליי פערמענטאציע־פּראָצעסן, אין דער פּראָדוקציע פון וויינען, פון קעז. אדאנק א מיקראָב ווערט פון מילך זויערמילך און א. וו.

אָבער, אז אין דער וועלט פון די מיקראָבן, וואָס רינגלט אונז ארום, געפינען זיך אזעלכע מיקראָבן, וועלכע וועלן העלפן דעם מענטש אין באקעמפן שווערע קראנקהייטן, דאָס איז א נייעס, וואָס איז אנטדעקט געוואָרן ערשט די לעצטע יאָרן. אינטערעסאנט איז, אז די דאָזיקע געוואַלטיק וויכטיקע אנטדעקונג האָט געמאכט נישט קיין מעדיצינער נאָר אן... אגראָנאָם, דער פראנצויז זשאן דיוקלאָ, א מיטארבעטער פון ראָקפעלער־אינסטיטוט אין ניו־יאָרק. אדאנק דעם דאָזיקן אגראָנאָם איז די מעדיצין בארייכערט געוואָרן מיט נייע גלענצנדע היילמיטלען, וועלכע זיינען איצט באקאנט אונטער דעם נאָמען: ביאָלאָגישע היילמיטלען אָדער אנטי־ביאָטיקן. מען רופט זיי ביאָלאָגישע, ווייל זיי זיינען א פּראָדוקט פון לעבעדיקע באשעפענישן — מיקראָבן.



**פּראָפ. זלמן וואַקסמאַן**

**איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון אַנטי־ביאַטיק, איינער פון די דערפינדער פון סטרעפּטאָמיצין**

ווי גרויס איז די באדייטונג פון די ביאָלאָגישע היילמיטלען (אנטיביאָטיקן) קען דינען דער פאקט, אז אין דעם רוב מלוכות זיינען געבילדעט געוואָרן ספּעציעלע קאָמיטעטן פון געלערנטע, כדי צו פארפולקאָמען די דאָזיקע זייער וויכטיקע אנטדעקונג.

כדי אָבער צו האָבן א קלאָרן באגריף, וואָס פאר אן איבערקערעניש די נייע ביאָלאָגישע מיטלען האָבן געמאכט אין דער מעדיצין, דארף מען זיך ערשט אָפּגעבן א דין־וחשבון ווי עס האָט אויסגעזען די היילקונסט פאר דעם יאָר 1938, ד.ה. פאר דער אנטדעקונג פון די מיטלען דורך דיוקלאָ.

אין יענער צייט האָבן אין דער מעדיצינישער טעראַפּיע געקיניגט די כעמיקער. זיי האָבן פּראָדוצירט אַלץ נייע און נייע כעמישע מיטלען, וועלכע האָבן זיך ארויסגעוויזן אַלס ווירקזאמע מיטלען קעגן אלערליי קראנקהייטן. אין די דרייסיקער יאָרן איז די מעדיצינישע וועלט געווען באצויבערט פון דער נייעסטער דערפינדונג פון די כעמיקער — פון די סולפאמידן און אין דער אמתן האָט דאָך דער סולפאמיד אנטיסטרעפּצין (סטרעפּטאָציד) געלנצנד געהיילט די שווערסטע אנגינע אָדער רויז.

נאָך ווירקזאמער האָט זיך ארויסגעוויזן א צווייטער סולפאמיד — סולפאפּירידין (סולפּידין), וועלכער האָט אין משך פון געציילטע טעג געזונט געמאכט קראנקע אויף שווערע לונגען־אנטצינדונגען, מעניגיטן אָדער דיזענטעריע. עס האָט זיך דאַן געדוכט, אז די צוקונפט געהערט צו די כעמיקער, ווייל זיי, די כעמיקער, וועלן פּראָדוצירן אלץ נייע און נייע פּראָשקעס, מיט וועלכע מען וועט קענען באקעמפן אלע אינפעקציעס, געפערלעכע פארן מענטשן. עס האָט זיך געדוכט, דאָס עס וועט מקוים ווערן די פאָרויסזאָגונג פון גרויסן ערליך (דערפינדער פון סאלווארסאן), אז די מענטשן וועלן זיך אויסלערנען שיסן אין שעדלעכע מיקראָבן מיט כעמישע קוילן, וועלכע טויטנדיק די מיקראָבן, באשעדיקן נישט דעם קערפּער פון מענטש.

און דאָך האָט די צוקונפט דערוויזן, אז די בעסטע כעמישע מיטלען האָבן פעלערן־ערשטנס, ווירקן זיי נישט אין א סך געפערלעכע קראנקהייטן, צווייטנס, זיינען זיי גאָר נישט אזוי אומשעדלעך פארן מענטש. די סולפאמידן אין גרויסע דאָזעס (מען מוז באנוצן גרויסע דאָזעס, קליינע ווירקן נישט) פארשעדיקן אָפּטמאָל דעם בלוט און דער לעבער און קענען ברענגען פיל שאָדן דעם קראנקן. אין די יאָרן, ווען דער ענטוזיאזם צו די כעמישע מיטלען איז שוואכער געוואָרן, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די מיקראָבן גופא זיינען די גרעסטע קאָנקורענטן פון די כעמיקער.

(סוף אין קומענדיקן נומער)



ענגלישער פּראָפ. פלאָרי, באַלוינט מיט דער נאָבל־פּרעמיע פאַר פעניצילין



פּראָפ. פלעמינג אין זיין לאַבאָראַטאָריע

# פון יוגנט-לעבן אין דער גרעסער וועלט

## אויפן יוגנט-פעסטיוואַל אין פּראָג

## די יונגע רעפּובליקאַנער מוזן געראַטעוועט ווערן

אין דער צייט, ווען יוגנטלעכע פאַרשטייער פון 60 לענדער זיינען זיך צונויפגעקומען קיין פּראָג אויפן אַלוועלטלעכן יוגנט-פעסטיוואל, זיינען דורך א באַפעל פון דער מיליטאַריסטישער רעגירונג פון גענעראל פראַנקאָ ארעסטירט געוואָרן 10 יונגע שפּאַנישע רעפּובליקאנער, וועלכע האָבן געשטרעבט צו פאַרוויניקן שפּאַניע צו דער דעמאָקראַטישער וועלט.

6 פון זיי זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און פיר אויף 30 יאָר תפיסה. אלע זיינען זיי מינדעריעריקע.

די וועלט-פעדעראַציע פון דער דעמאָקראַטישער יוגנט רופט די דעמאָקראַטישע יוגנט פון אלע לענדער צו א באלדיקן, ענערגישן פּראָטעסט קעגן די טאָרטורן, וואָס ווערן אָנגעווענדעט צו די יונגע מענטשן — ארעסטירטע אין די שרעקלעכסטע תפיסות, אַלקאַלאַ דע-הענערעס און וועגטאָס. דאָס וועט זיין אונזער ענטפער אויפן טעראָר פון פראַנקאָ.

די וועלט-פעדעראַציע פון דער דעמאָקראַטישער יוגנט פּראָטעסטירט מיט דער גאנצער האַטענטישקייט קעגן דעם פארברעכן.

צו דעם פארברעכן טאָרן מיר נישט דערלאָזן, די יונגע מיידלעך און יינגלעך — מוזן געראַטעוועט ווערן.

די דעמאָקראַטישע יוגנט פון דער וועלט מוזן אָנווענדן אלע מיטלען, בכדי צו ראטעווען די יונגע מענטשן, וועלכע דערוואַרטן טויט און באַרבאַרישע תפיסה.

איצט דערוויסן מיר זיך, אז פראַנקאָ איז געווען געצוווּנגען, צוליב די אויפרעגונג אין דער גאַרער וועלט קעגן דעם אורטייל אָפּצושאַפן 5 פון די 6 טויט-אורטיילן. דאָך געפינט זיך נאָך איינער פון די יונגע שפּאַניער — אונטער דער געפאַר פון טויט. מען דאַרף ווייטערדיקע פּראָטעסטן — פאַר אָפּראַטעווען זיין לעבן.




פּאַלעסטינער דעלעגאַציע

## יידישע יוגנט-דעלעגאַציעס אויפן פעסטיוואַל

### אָרץ-ישראל

געכטן איז דא געווען א הערלעכער טאָג. עס איז פאָרגעקומען אן אויפמארש פון אלע דעלעגאציעס, וועלכע נעמען אָנטייל אין פעסטיוואל. יוגנט פון 60 לענדער האָבן דעמאָנסטרירט די אינטערנאציאָנאלע סאָלידאריטעט פון פאָרשריט און ברידערלעכקייט אויף גאָר דער וועלט. עס האָבן אָנטיילגענומען פאָרשטייער פון פארשידענע פעלקער און ראסן. פון שווארצע און שמאָל-אויגיקע מאָנגאָלן ביז בלאָנדע פראנצויזן. איע זיינען ארויסגעטרעטן אין זייער נאציאָנאלער קליידונג. די ערשטע האָבן מארשירט די פאָרשטייער פון רעפּובליקאנישן שפּאניע, נאָך זיי די פאָרשטייער פון די קאָלאָניאלע פעלקער, צווישן זיי אויך די דעלעגאציע פון גריכנלאנד און פון אונזער פאַלעסטינע. אלע פאלעסטינער זיינען געגאנגען צוזאמען אונטער געמיינזאמע לאָזונגען, צווישן זיי אויך די יידישע דעלעגאציע, וועלכע ציילט 99 יוגנטלעכע. עבעד מיט אן אראבישער פאָן און א חבר פון אונזער כאָר מיט א בלוי-ווייסער פאָן גייען פאָרויס. נאָך זיי א גרויסער טראנספּארענט: „פאלעסטינע". די חברטע איטע, אין ארבעטס-קליידונג טראָגט די פאָן פון קאָמוניסטישן יוגנט-פארבאנד. נאָך דעם ווערט געטראָגן א גרויסער אויפשריפט אויף רויטע לייוונט: „ארבעטס-ברינאדע פון סאמאטש—סאראיעוואָ, אייניקייט, ברודערשאפט" (אין העברעיש, אראביש און ענגליש). עס שפּאנען שטאָלץ אונזערע שלאָגלער מיט זייערע אָפּצייכענונגען אין די אוניפאָרמען. „דאָס איז די יידיש-אראבישע קבוצה, וואָס האט געארבעט אין יוגאסלאוויע" — שעפּטשען צווישן זיך די פאלעסטינער יוגנטלעכע. נאָך זיי גייט די דעלעגאציע פון קאָמוניסטישן יוגנט-פארבאנד אין ווייסע העמדער מיט רויטע קראוואטן און טראנספּארענטן מיט פלאַנגדיקע אויפשריפטן: „ארויס מיטן ענגלישן מיליטער פון אונזער לאנד" און אנדערע. נאָך זיי גייט די דעלעגאציע פון סוכנות מיט פיל בלוי-ווייסע פענער און טראנספּארענטן.

די פיערונגען זיינען פארענדיקט געוואָרן מיט ראקעטעס, וועלכע האָבן באלויכטן די גאנצע נעגנט טויזנטער פארשידנפארביקע ראקעטעס האָבן אונז באגלייט אהיים.

### פּוילן

אויף דעם גרויסן יוגנט-פעסטיוואל אין פּראָג, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן דורך דער אינטערנאציאָנאלער פעדעראציע פון דער דעמאָקראטישער יוגנט, איז ארויסגעפאָרן פון פּוילן א יידישע יוגנט-דעלעגאציע אין באשטאנד פון פארשטייער פון א גאנצער ריי יוגנט-אָרגאניזאציעס: ז.וו.מ., צוקונפט, באָראָכאָוו-יוגנט, דרור, גורדוניה, השומר הצעיר. מיט דער דעלעגאציע פירט אָן דער פאָרשטייער פון דער יוגנט-אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון די יידן אין פּוילן, דער ה' פ. זאווידאָוויטש.

די יידישע יוגנט-דעלעגאציע וועט אחוץ באטייליקן זיך אין די אלגעמיינע פייערונגען אין פּראָג, אנטיילנעמען אין אויפבויען דאָס טשעכישע שטעטל — לידיצע, וועלכע איז דורך די פאשיסטישע וואנדאלן אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דער ערד.

דער פעסטיוואל אין פּראָג איז א מעכטיקע מאניפעסטאציע פון דער 40 מיליאָניקער דעמאָקראטישער וועלט-פעדעראציע פון דער יוגנט, קעגן דער געפאר פון א נייער וועלט-מלחמה, קעגן דעם אויפשטעלן דורך דער אנגלאָזאקסישער רעאקציע א ניי מיליטאריסטיש דייטשלאנד. פאר אויסראָטן די רעשטלעך פון רעאקציע, פאשיזם, פאר אינטערנאציאָנאלער פארברידערונג און סאָלידאריטעט פון דער יוגנט. פאר א דויערהאפטן שלום פון די פעלקער. די באטייליקונג פון דער יידישער יוגנט אין אזא גרויסער יוגנט-אימפּרעזע האָט אן ערשטראנגיקע באדייטונג. איר אנוועזנהייט אין פּראָג וועט ברענגען גוטע רעזולטאטן פארן אויסשמידן די אייניקייט פון טאט ביי דער יידישער יוגנט אין פּוילן.



יידישע דעלעגאַציע פון פּוילן
ס'שטייען פון לינקס אויף רעכטס:
פעלדענקרייז, רויכמאַן, זאַווידאָוויטש, לענקינסקי, שמוטער

**פון רעדאַקציע**

אין די נאָענטסטע נומערן:

**איינדרוקן פון פעסטיוואַל**

פון ה' פ. זאַווידאָוויטש




# אָפּמאַך וועגן צוזאַמענאַרבעט צווישן ז.וו.מ. און אַ.מ.טור

דעם 12־טן אויגוסט ה.י. איז פאָרגעקומען א געמיינזאמע פארזאמלונג פון פאָרשטייער פון צענטראל־קאָמיטעט אָ. מ. טור און הויפּט־פארוואלטונג פון ז.וו.מ. נאָך אן אויספירלעכער דיסקוסיע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אן אַטמאָספער פון אמתער אויפריכטיקייט און קעגנזייטיקער פארשטענדעניש זיינען אויסגעארבעט געוואָרן ריכטליניען פון אָפּמאַך וועגן צוזאַמענארבעט צווישן ביידע ברידערלעכע אָרגאניזאציעס. די פארזאמלונג האָט אויסגעטיילט א קאָמיסיע כדי ענדגילטיק צו רעדאגירן דעם טעקסט־אָפּמאַך.

דאָס באלדיקע צוטרעטן פון דער קאָמיסיע צו דער ארבעט דערלויבט אונז צו דערווארטן, אז אין די נאָענטסטע צייט וועט דער אָפּמאַך ווערן אונטערגעשריבן.

צוגלייך מיט די פאָרגעקומענע פארזאמלונגען פון די ביידע הויפּט־אינסטאנצן קומען פאָר איבערן גאנצן לאנד געמיינזאמע פארזאמלונגען פון די מיטגלידער פון אָ.מ.טור און ז.וו.מ. די פארזאמלונגען גייען אדורך אונטערן צייכן פון אויסשמידן די איינהייט פון טאט, פון נאָך ענגער **פארפעסטיקן די רייען, פון געמיינזאמער** צוזאמענארבעט און פארברידערונג.

צווישן די צענדליקער געמיינזאמע פארזאמלונגען, וואָס זיינען לעצטנס פאָרגעקומען אין לאנד, איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער פארזאמלונג אין דער שטאָט ראדאָם, ווי נאָך א דיסקוסיע וואָס האָט געדויערט 4 שעה, איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָלוציע, פון וועלכער מיר ציטירן בלויז עטלעכע כאראקטעריסטישע שטעלן:

„מיט פרייד באגריסן מיר די באשלוסן פון דער הויפּט־פארוואלטונג פון ז.וו.מ. און דעם יוני־צוזאמענפאָר פון אָ.מ.טור, אלס דאָקומענטן פון אמיינסטן ענגער צוזאמענארבעט און אידעאָלאָגישער דערנענטערונג פון אונזערע ביידע אָרגאניזאציעס, ווי אויך א צוזאמענארבעט מיט אנדערע דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס.

צווישן אונז זיינען נישט פאראן קיין שום פרינציפּיעלע אונטערשיידן, דערפאר וועלן מיר שטרעבן צו איין ציל, צו פאראייניקן ביידע אָרגאניזאציעס און צו דער איינהייט פון דער גאנצער יוגנט".

* * *

אויף א פארזאמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען צווישן ביידע אָרגאניזאציעס אין דער הויפּט־שטאָט אין גראָכאָווער ראיאָן — האָט אין זיין רעדע דער חבר לעשטשינסקי דערקלערט:

„אויף אונז, יוגנטלעכע, אָרגאניזירט אין אָ.מ.טור און ז.וו.מ. הענגען נאָך נישט די טראדיציעס פון קריגעריי, סיכסוכים, רייבונגען. מיר, ז.וו.מ. און אָ.מ.טור האָבן א געמיינזאמען ציל, בויען א געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, אין וועלכער ס'וועט נישט זיין קיין אויסנוצונג פון מענטש דורך מענטש. צום געמיינזאמען ציל וועלן מיר גיין מיט א געמיינזאמען וועג. מיר וועלן פארפעסטיקן די איניקייט פון דער יוגנט, וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן צו שמידן נאָך אין דער צייט פון אָקופּאציע. לאָמיר נאָך מער פארקנופּן אונזער געמיינזאמען מארש און געמיינזאמען קאמף מיט דער רעאקציע און מיר וועלן דערגרייכן א שנעלערן ציל".

פאר אונז, יידישע יוגנטלעכע אין פוילן איז דער דאָזיקער דאָקומענט א וויכטיקער ביישפּיל צום אויסשמידן די איניקייט אין אונזערע רייען, צו ענגערער צוזאמענארבעט און קעגנזייטיקער פארשטענדעניש ביים אויפבויען דאָס צעשטערטע יידישע לעבן אויף נייע, געזונטע, פּראָדוקטיווע יסודות.

דער פּראָצעס פון איניקייט ביי דער פּויישער יוגנט דארף אונז אָנרעגן וואָס שנעלער צו געפינען א געמיינזאמע שפּראך און די וויכטיקסטע און עיקרדיקע פראגן פון יידישן לעבן. דאָס וועלן מיר דערגרייכן אויפן וועג פון קעגנזייטיקער דערנענטערונג, דאָס וועט דערמעגלעכט ווערן אין די בסדרדיקע צונויפטרעפן אויף געמיינזאמע פארזאמלונגען, אקאדעמיעס, פארוויילונגען, אויספלוגן. די איניקייט וועט געבוירן ווערן אין טאָג־טעגלעכן קאמף און אין אויפבוי.

# יידישע ז.וו.מ.־קרייזן פארשטאַרקן זייער אַרבעט

נאָך דער פאָרגעקומענער לאנד־בעראטונג פון די יידישע ז.וו.מ.־טוער, זיינען אָנגענומען געוואָרן א גאנצע רייע וויכטיקע באשלוסן וועגן פארשטארקן די אינערלעכע דערציערישע און אויפקלערונגס־ארבעט. צו דעם צוועק איז רעארגאניזירט געוואָרן דער אָנפירער־אפּאראט און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן א ספּעציעלער ז.וו.מ.־ראט פאר ארבעט צווישן דער יוגנט אין צענטראלן מאסשטאב, ווי אויך ענלעכע ראטן אין די וואָעוואָדשאפטן און פּאָוויאטאָווע שטעט.

דער ראט האָט אויסגעארבעט א ספּעציעלן פּלאן פון ארבעט אויף די קרייזן. לעצטנס איז אין וורוצלאוו פאָרגעקומען א געמיינזאמע זיצונג מיט פאָרשטייער פון דער פּארטיי, ווו עס זיינען אויסגעארבעט געוואָרן נייע ריכט־ליניען פון צוזאמענארבעט.

די הויפּט־אויפגאבן, וועלכע די בעראטונג שטעלט פאר די ז.וו.מ.־קרייזן זיינען פאָלגנדיקע:

1. באטייליקן זיך אקטיוו אין דער שניט־קאמפּאניע, אָרגאניזירן ז.וו.מ.־בריגאדעס, וועלכע זאָלן העלפן אראָפּנעמען די תבואה, גרינס און קארטאָפל.

2. ארויסשיקן א גרעסערע גרופּע ז.וו.מ. אָוצעס, וואָס זאָלן אנטיילנעמען אין דעם אויפבוי פון ווארשע, ארבעטן ביים אָפּרייניקן דעם שטח, וואָס איז באשטימט פאר א געטאָ־דענקמאָל.

3. אָרגאניזירן צוזאמען מיט די פארשטענדיקונגס־קאָמיסיעס פון די יידישע יוגנט־אָרגאניזאציעס, געמיינזאמע באָטוין־אקאדעמיעס. פארבעטן אויף די פייערונגען פּוילישע חברים, פאָרשטייער פון אָ.מ.טור, ז.וו.מ. און ז.מ.ד.

באזונדערס איז אויף דער בעראטונג באטאָנט געוואָרן די נויטווענדיקייט צו שענקען מער אויפמערקזאמקייט דער יידישער קולטור, שפּראך, געשיכטע און ליטעראטור. פיל חברים האָבן אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט צו לערנען מער די ז.וו.מ.־ישע יוגנטלעכע זיינען יידישע לידער און באקענען זיי מיט דער רומפולער געשיכטע פון אונזער פאָלק, מיט די גרויסע פרייהייטס־באוועגונגען צווישן יידן, ווי אויך באלענען זיי נענטער מיט די גייפּטיקע שאפונגען פון אונזערע קלאסיקער. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן באשלוסן: וועגן פארנעמען זיך אויף די ז.וו.מ.־קרייזן צוגליך מיט אָרגאניזאציאָנעלע און אקטועל־פּאָליטישע פראגן — אויך מיט פאָרלייענען אינטערעסאנטע און באלערנדיקע ביכער פון יידישע שרייבער, שמועסן ארום זיי. אין אזעלכע ערטער, ווו די יוגנטלעכע קענען נישט די יידישע שפּראך, איינאָרדענען ספּעציעלע קורסן. אין די קלוב־זאלן דארפן צווישן אנדערע — הענגען די בילדער פון די יידישע שרייבער, צוגליך מיט די פּוילישע לאָזונגען, דארפן זיין אויך יידישע.

די ז.וו.מ.־אָוצעס געניסן היינט פּונקט ווי די גאנצע יוגנט ביי אונז אין לאנד פון זומער־אָפּרו. דאָרטן פארברענגען זיי און לייענען פיל, גרייטן זיך מיט נייע, פרישע כוחות צו דער ווייטערדיקער ארבעט. מיר גלויבן, אז די אָנגענומענע באשלוסן פון דער בעראטונג וועלן ווערן רעאליזירט אינם לעבן און וועלן געבן גוטע רעזולטאטן.

# סאָציאַליסטישע „לאַגער־רעפּובליק" פון י.ב. צוקונפט אין ביעלאָווע

אין א פּרעכטיקער געגנט, צופוסנס פון בארניקע וועלדער, האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן העכער 200 יוגנטלעכע צוקונפטיסטן און צוקונפטיסטקעס. די חברה, ארבעטנדיקע און לערנענדיקע יוגנט, איז געקומען אויף דעם צוקונפט־לאגער צו פארברענגען די פעריען אין א סאָציאליסטישער אטמאָספער. דער ציל פון לאגער איז געווען, אין משך פון א חודש געבן אונזערע יוגנטלעכע א קולטורעלן אָפּרו אין א הבריש־סאָציאליסטישע סביבה.

יעדער טאָג אויפן לאגער האָט געטראָגן א באזונדערן כאראקטער און געהאט זיין באזונדערן טאָג־פּלאן, וועלכער איז שטרענג אויסגעפירט געוואָרן אין אלע איינצלהייטן. אין טאָגפּלאן פלעגן אריינגיין אזעלכע פּונקטן ווי: ספּאָרט־איבונגען, ספּאָרט־פארמעסטונגען, שמועסן אויף ליטערארישע, פּאָליטישע, געשיכטלעכע און אנדערע טעמעס. אין די שמועסן פלעגן די לאגעריסטן אקטיוו אנטיילנעמען אין דער דיסקוסיע. אין אָוונט פלעגן פאָרקומען קאָלעקטיווע פארוויילונגען, פארבונדן מיט ליינען דעם אזויגערופענעם „לאגער־ראדיאָ", וועלכער האָט געהאט גרויס דערפאָלג ביי די לאגעריסטן. דער „לאגער־ראדיאָ", דאָס איז געווען אן אָרגאן, וועלכער פלעגט אויף א סאטירישן אופן אויסלאכן אלע א.ג. „טשאפּעס", לוידיקגייערס, דיסציפּלין־ברעכער, א.א. דאָס האָט א סך געהאָלפן, אז די אָנגעגרייפענע חברים זאָלן זיך אויסבעסערן אין זייער אויפפירונג, און זייער ארבעט און ווערן אמתדיקע דיסציפּלינירטע בירגער פון דער סאָציאליסטישער לאגער־רעפּובליק.



זייער אָפט פלעגן פאָרקומען אויספלוגן אין די בערג, ווי אויך פקויטן־שפּילן, זייער באליבטע ביי די לאגעריסטן. יעדע זונטיקדיקער טאָג, איז געווען דער טאָג פון געסט. עס פלעגן קומען צו גאסט די חברים אָ.מ.טוראָווצעס פון וואָצלאוו, ביעלאָווע, ווי אויך חברים פון די ארומיקע שטעט. אין א אטמאָספער פון חברשאפט און געמיינזאמער פארשטענדניש פלעגן די געסט פארברענגען מיט די לאגעריסטן.

מיט די חברים פון אָ.מ.טור פלעגן פאָרקומען ספּאָרט־פארמעסטונגען, ווי אויך געמיינזאמע אויספלוגן אין די בערג.

צום שלוס פון לאגער איז אין ביעלאָווע פאָרגעקומען אן אימפּאָזאנטע פייערונג, פארבונדן מיט א דעמאָנסטראציע פון די לאגעריסטן איבער די גאסן פון ביעלאָווע און ספּאָרט־פארמעסטונגען אויף דעם שטאָטישן ספּאָרט־סטאדיאָן.

# אימפּאָזאַנטע זומער־קאָלאָניעס פון דער „באראכאוו"־יוגנט

אין דעם שטילן נידערשלעזישן שטעטעלע באָלקאָוו האָט די „באָראָכאָוו־יוגנט" הייאָר אויפגעשטעלט אירע צענטראלע זומער־קאָלאָניעס פאר יוגנט און „יונגבאָר", אין וועלכע עס האָבן זיך באטייליקט 800 יוגנטלעכע ארבעטער, שול־יוגנט און קינדער.

די קאָלאָניעס פון דער יוגנט זיינען פאָרגעקומען אין דריי טורן. דער ערשטער טור האָט זיך אָנגעהויבן דעם 15־טן יוני. פארשידנארטיק איז געווען דער עלעמענט. ס'זיינען געקומען יוגנטלעכע פון אלע עקן לאנד, אין פארשידענעם עלטער און סביבה אָרגאניזירטע אין די סניפים, פון די „שטערן"־קלובן און אומפּארטייאישע.

זייער שנעל איז פון די דאָזיקע מאסע יוגנטלעכע אויסגעבילדעט געוואָרן איין צעמענטירטער קאָלעקטיוו. ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן א זעלבסטפארוואלטונג פון דער מושבה און עס זיינען געשאפן געוואָרן קאָמיסיעס פארווירטשאפט, היגיענע, ספּאָרט, קולטור, רעדאקציע און פארוויילונג. יעדער האָט געהאט אויפגאבן און פליכטן. קיין באדינונג האָט די מושבה נישט געהאט, אלץ איז געטאָן געוואָרן דורך די קאָלאָניסטן גופא. די אָרדענונג און ריינקייט איז די גאנצע צייט געווען א מוסטערהאפטע. די יוגנט האָט זיך שנעל אויסגעלערנט, ווי צו לעבן אין א קאָלעקטיוו.

די מושבה, וועלכע האָט געדארפט זיין אן אָרט ווו די יוגנט זאָל פארברענגען און זיך אָפּרוען נאָך א גאנצן יאָר ארבעט אין ווארשטאט און אין שול, איז פארוואנדלט געוואָרן אין א סעמינאר. 5 שעה אין טאָג איז אָפּגעגעבן געוואָרן לעקציעס וועגן ידיעות הארץ, ייד. דעמאָגראפיע, געשיכטע פון עליות, וועגן חלוציזם און קיבוצישער באוועגונג, פּועלי־ציוניזם און יידישע ארבעטער־באוועגונג, סאָציאָלאָגיע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע. ס'איז געלערנט געוואָרן די העברעאישע און יידישע שפּראכן, יידישע ליטעראטור. ס'זיינען פאָרגעקומען קעסטלאָוונטן און פּרעסע־איבערזיכטן. ס'זיינען דערשינען 8 וואנט־צייטונגען. די יוגנט האָט פארשטאנען, אז זי מוז דערייאָגן די פארלוירענע צייט פון די לעצטע ביטערע יאָרן.



גימנאַסטישע איבונגען פון דער „באָראָכאָוו"־יוגנט

אומדערמידלעך האָבן געארבעט די דערציער, די שליחים פון ארץ־ישראל בת שבע און יואל, דער לייטער פון דער קאָלאָניע ח' לערמאן. ס'האָבן אויך געגעבן לעקציעס און שמועסן די חברים פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון נעניע לעווי, יעקב בעקער, ראָטנבערג און אנד.

דאָס פארנעמען זיך מיט די ערנסטע פּאָליטישע און אקטועלע פּראָבלעמען האָט נישט געשטערט, אז די יוגנט זאָל פארברענגען די צייט פריידיק און אינהאלטסרייך. פארביק איז געווען דאָס לעבן אויף דער מושבה; אויספלוגן אין דער ארומיקער פּרעכטיקער געגנט, נאכט־אויספלוגן, ווייטע שפּאצירן, מארשן אונטערן טאקט פון פּויק און טרומייט, ספּאָרט און פיזישע דערציונג אונטער דער אָנפירונג פון געניטע אינסטרוקטאָרן פון דער „שטערן"־צענטראלע, גימנאסטישע איבונגען, פּיראמידן, פארמעסטונגען אין שאטקע און אין פוטבאָל, סקויטישע און הגנה־מושטרען, חברישע פארוויילונגען און אָוונטן ארום פייערן, וועלכע זיינען שטענדיק געווען פארבונדן מיט טיפע איבערלעבונגען פאר דער יוגנט, מיט זכרונות פון נאָענטער פארגאנגענהייט, מיט דערציילונגען וועגן העראָאיזם פון דער יידישער יוגנט אין קאמף פאר א שענערער וועלט, דער עונג־שבת ביי געדעקטע טישן, דאָס געזאנג, די חלוצישע טענץ האָבן די יוגנט דערוואָרעמט. ס'האָט אויפגעלויכטן א פלאם אין זייערע אויגן און אן אומרו האָט זיך אריינגעקומען אין זייערע הערצער. זיי וועלן די מושבה לאנג געדענקען.

אהיימפאָרנדיק האָט די יוגנט געשוווירן נישט רוען ביז וואנען דאָס יידישע פאָלק וועט נישט באקומען די מעגלעכקייט צו לעבן צווישן די פרייע פעלקער ווי א גלייכער מיט גלייכע.

# צוזאמענפלי פון „השומר הצעיר”

דער ערשטער שומרישער צוזאמענפלי אין 26־טן און 27־טן יולי, האט זיך פארוואנדלט אין א גרויסן יום־טוב פון דער יידישער יוגנט אין פוילן, אין א גרויסער פאלקס־מאניפעסטאציע. די שטאט דזשערזשאניוו אין נידער־שלעזיע מיט א באדייטנדער יידישער באפעלקערונג, האט זיך די צוויי טעג געפונען אונטערן צייכן פון די פייערלעכקייטן.

יוגנט־גרופן מארשירן אין דער ריכטונג פון גרויסן ספארט־סטאדיאן, אויף דער לימאנאווסקא גאס. לעבן דער אויפגעשטעלטער טריבונע געפינען זיך בענק פארן פובליקום, געדיכט באזעצט מיט געסט. אויפן סטאדיאן הויבן זיך אן זאמלען איינצלנע גרופן: די יינגסטע־מעפילים, צופים, צופים־בוגרים, בוגרים און פארשטייער פון די קיבוצים. ס'זיינען אויך געקומען די אנטיילנעמער פון דער סטודענטן־קאלאניע זש.א.ס.ס. אויף דער טריבונע געפינען זיך די חברים פון דער הנהגה הראשית, פון צ.ק. פון דער פארטיי ווי אויך פארשטייער פון דער מאכט, דער סטאראסטא וואסערמאן.

די פייערונגען האבן זיך אנגעהויבן. דער מיטגליד פון דער הנהגה הראשית פנחס שטערן עפנט דעם צוזאמענפלי. אין קורצע ווערטער, פריער אין העברעיש, נאכהער אין פויליש, באגריסט ער די יוגנט, געסט, פארשטייער פון דער מאכט און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס. ער דריקט אויס זיין שמחה, וואס די יידישע יוגנט אין נייעם פוילן זעצט פאר די שיינע טראדיציעס פון דער אלטער, אזוי מעכטיקער שומרישער באוועגונג. ער לייגט פאר באערן דעם אנדענק פון די הערלעכע שומרישע געשטאלטן, וועלכע בלייבנדיק געטריי אין די שווערסטע צייטן פון דער אקופאציע, די שומרישע אידעאלן, האבן זיך געשטעלט אין שפיץ פון גאנצן פאלק אין קאמף פאר זיין כבוד און ווירדע. ער דערמאנט די נעמען פון מרדכי אניעלעוויטש, יוסף קאפלאן, אריה ווילנער, טאסיא אלטמאן, שמואל ברעסלאוו, העסיע באומינגער, עזעק בראקס און פיל אנדערע.

דאס ווארט באקומט נאכהער דער פארשטייער פון דער רעגירונג, דער סטאראסטא וואסערמאן, וועלכער האט צווישן אנדערע דערקלערט: „כ'באגריס אייער צוזאמענפאר מיט א ספעציעלער באפרידיקונג, ווייל כ'קען די שומרישע באוועגונג שוין פון גאנץ לאנג און כ'שאץ אפ אירע שיינע דערגרייכונגען אויפן געביט פון יוגנט־דערציונג. כ'ווינטש אייך דערפאלג און הצלחה אין אייער ווייטערדיקער פרוכטבארער ארבעט”.

די הארציקע באגריסונג פון סטאראסטא איז געווארן שטארק אפלאדירט דורך די צאלרייכע געסט.

נאך אים האט אין נאמען פון דער הנהגה העליונה גענומען דאס ווארט ח' יעקב



מארש פון שומרישער יוגנט אויף דעם צוזאמענפלי

מאיום. דער רעדנער שטרייכט אונטער ספעציעל די שטעלונג פון דער היינטיקער פוילישער רעגירונג, וועלכע שטיצט אונזער טעטיקייט. דער געמיינזאמער בונד צווישן דער פוילישער און יידישער יוגנט האט געפונען זיין אויסדרוק אין דער נייער דעמאקראטישער ווירקלעכקייט פון פוילן, וועלכע בויענדיק איר אייגענעם פאטערלאנד, העלפט אויך צו דעם יידישן פאלק אין קאמף פאר זיין נאציאנאלער היים.

נאך די באגריסונגען הויבט זיך אן די דעפילאדע פאר דער טריבונע. די פעסטע, ענערגישע שטעלונג פון דער יוגנט רופט ארויס אנטציקונג ביי דעם פובליקום, וועלכער באשענקט איינצלנע גרופן מיט אפלאדיסמענטן.

עס מארשירן די יינגסטע: מעפילים אין גרינע קראוואטן מיט קרענצלעך בלומען אין די הענט. זייער באווייזן זיך רופט ארויס א ספעציעלן שטורם פון אפלאדיסמענטן. נאך זיי גייען צופים, צופים־בוגרים, און בוגרים. אין שפיץ פון יעדער גרופע גייט דער מנהל און פאנטרעגער. אין די ווייטערדיקע רייען דעפילירן די דעלעגאטן פון די קיבוצים: ווארשע, קראקע, ווראצלאוו, לאדזש, דזשערזשאניוו, ליגניק, וואלבזשיך און אנדערע. די דעפילאדע שליסן די אנטיילנעמער פון דער סטודענטן־קאלאניע זש.א.ס.ס. דער צאלרייך־פארזאמלטער פובליקום אפלאדירט היים דעם יוגנט־צוג, וועלכער מארשירט דורך די הויפט־גאסן צום מארק.

ביינאכט איז פארגעקומען אין גרעטסטן זאל פון שטאט, אין קולטור־הויז פון פ.פ.ר. א פייערלעכע אקאדעמיע. היהקע גראסמאן האט געעפנט די אקאדעמיע, באגריסנדיק דעם צוזאמענפאר אין נאמען פון דער הנהגה. זי שטעלט זיך אפ אויף דער טראגעדיע פון דער שיף „עקזאדוס 1947”, ווו די ענגלישע רעגירונג נעמט אן נייע מיטלען פון דעפארטאציע, נישט אפזאגנדיק זיך פון פיראטישע אופנים פון קאמף קעגן פרויען, קינדער און זקנים.

* * *

דער צווייטער טאג פון צוזאמענפלי איז פארגעקומען אויף דער יוגנט־קאלאניע אין ראשטשישעוו, ווו עס זיינען פארגעקומען באראטונגען פון די קיבוצים. ס'זיינען געהאלטן געווארן אידעאלאגישע רעפעראטן, נאך וועלכע עס האט זיך אנטוויקלט א ברייטע דיסקוסיע. שפעט ביינאכט האט זיך פארענדיקט דער צוזאמענפלי.

דער צוזאמענפאר האט איבערגעשיקט באגריסונגס־טעלעגראמעס צום פרעזידענט ביערוט, פרעמיער ציראנקיעוויטש, וויצע־פרעמיער גאמולקא, ווי אויך צו דער הנהגה העליונה פון קיבוץ־ארצי און די מעפילים פון דער שיף „עקזאדוס 1947”.

# טעלעגראמע

## פון די יידישע ספארטלער אין בעלגיע צו דער יוגנט־אפטיילונג פון צ. ק.

נאכן ווייל א געוויסע צייט אין פוילן, ווו זיי האבן זיך צוזאמענגעטראפן מיט די יונגע יידישע ספארט־קלובן פון נידער־שלעזיע, האבן די בעלגישע יידישע ספארטלער זיך אומגעקערט אהיים.

די יוגנט־אפטיילונג ביים צ.ק. פון יידן אין פוילן האט דערהאלטן פון די בעלגישע יידישע ספארטלער פאלגנדע טעלעגראמע.

„אין נאמען פון דער פעדעראציע פון פוילישע יידן ווי אויך פון דער גאנצער יידישער ספארט־דעלעגאציע פון בעלגיע, דאנק איך אייך הארציק פאר דעם דערמעגלעכן אונז צו באקענען זיך מיטן לעבן פון די יידן אין דעמאקראטישן פוילן און ספעציעל מיט דער פראדוקטיווער ארבעט פון די יידישע פאלקסמאסן אין נידער־שלעזיע. איך ווינטש אייך דערפאלג און ווייטערדיקע פרוכטבארע ארבעט”.

י. אבראמאוויטש.

# באגריסונגס־טעלעגראמע

## פון דער יוגנט־אפטיילונג ביים צ.ק. פון יידן אין פוילן צו דעם צוזאמענפלי פון „השומר הצעיר”

די יוגנט־אפטיילונג ביים צענטראל־קאמיטעט פון די יידן אין פוילן שיקט איבער איר הבֿרישן גרוס די יוגנטלעכע, ארגאניזירט אין די רייען פון השומר הצעיר צו זייער לאנד־צוזאמענפאר.

מיר גלויבן, אז אייער צונויפטרעף וועט צוהעלפן אויסשמידן די איינקייט פון דער גאנצער יידישער יוגנט צום קאמף קעגן די רעשטלעך פון פאשיזם און רעאקציע, קעגן מלחמה, פאר א דויערהאפטן שלום.

אייער צוזאמענפלי וועט אויך צוהעלפן פארשטארקן דעם פראצעס פון פראדוקטיוויזאציע ביי דער יידישער יוגנט, דערציען א נייעם, שעפערישן דור, אין גייסט פון דעמאקראטיע און פראגרעס, און וועט אקטיוו מיטבויען דעם געזונטן יידישן ישוב אין דעמאקראטישן פאלקס־פוילן.

# ספּאָרט-ביולעטין

## צוזאמענפלי פון די יידישע ספּארט-קלובן אין אויבער-שלעזיע

לויט דער איניציאטיוו פון דער יוגנט-אָפּטיילונג ביים וואָיעוו. ייד. קאָמיטעט אין קאַטאָוויץ, האָט די יידישע יוגנט אָנגעהויבן ענערגיש זיך גרייטן צו דעם ספּאָרט-צוזאמענפלי פון די ייד. ספּאָרט-קלובן פון אויבער-שלעזיע.

די יידישע ספּאָרטלער פון ביעלסק, ביטאָם, גליוויץ און סאָסנאָוויעץ האָבן אין משך פון וואָכן אינטענסיוו זיך געגרייט צו דער צוזאמענפלי בכדי מיט כבוד צו רעפּרעזענטירן די עמבלעמען פון אייגענעם ספּאָרט-קלוב. ענדלעך איז אָנגעקומען דער לאַנג-דערוואַרטעטער טאָג פון 5-טן יולי.

דעם 5-טן יולי איז אויפן סטאדיאָן אין גליוויץ פאָרגעקומען א פוטבאָל-מעטש וועגן מייסטערשאפט-טיטל צווישן דער מאנשאפט פון ביטאָמער זש.ק.ס. און מאנשאפט פון ייד. ספּאָרט-קלוב אין ביעלסק. אין דער מאנשאפט פון ביעלסק האָט מען געקענט באמערקן, אז דער שפּילער-עלעמענט, וועלכער שפּילט מיט גרויס רוטין, איז באשטאנען פון יונגע ספּאָרטלער, וואָס האָבן געשפּילט מיט היץ און אמביציע. דער מעטש איז געווען זייער אינטערעסאנט, געזיגט האָט די רעפּרעזענטאנץ פון ביטאָם, מיטן רעזולטאט 0:1, אלס ריכטער פון מעטש האָט דער חבר פרידמאן זייער גוט אויסגעפירט זיינע פליכטן.

דעם 6-טן יולי, 10 פרי האָבן זיך אָנגעהויבן די פייערונגען מיט א דעפילאַדע פון די יידישע ספּאָרטלער, וועלכע ס'האָט געפירט דער ספּאָרט-רעפערענט פון וואָיעוו. ייד. קאָמיטעט פון קאטאָוויץ דער ח' פרידמאן.

די ספּאָרטלער האָבן דורכמארשירט פארבײ דער טריבונע, אויף וועלכער ס'האָבן זיך געפונען פאָרשטייער פון וואָיעוו. ייד. קאָמיטעט אין קאטאָוויץ, די חברים גורטמאן, צעשינסקי, גאָלדקאָרן, רייכמאַנאָווא, פיבא, פון יוגנט-אָפּט., פון דער יוגנט אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון די יידן אין פוילן, דער ספּאָרט-רעפערענט פערדמאן, דער פרעזעס פון זש.ק.ס. ביעלסק, ד"ר מעכנער, דער פרעזעס פון זש.ק.ס. ביטאָם, שטאטער, דער פרעזעס פון זש.ק.ס. גליוויץ, קאמינסקי.



יידישע ספּאָרטלער אין מאַרש

די פייערונג האָט געעפנט מיט א קורצער רעדע דער ח' קאמינסקי. מיט באגריסונגס-רעדעס זיינען אַרויסגעטרעטן אין נאָמען פון יוגנט-אָפּטיילונג ביים צענטראלן יידישן קאָמיטעט דער ח' פערדמאן, אין נאָמען פון וואָיעוואָדישע קאָמיטעט אין קאטאָוויץ דער חבר גורטמאן.

נאָך דעם אָפיציעלן טייל איז מען צוגעטרעטן צו די פארמעסטונגען אין די לייכט-אטלעטיק-קאָנקורענצן. צום לויף אויף 30 מעטער אין פרויען-קאָנקורענץ האָבן זיך צוגעשטעלט 7 פארמעסטערינס פון די קלובן ביטאָם און ביעלסק. נאָך א קורצן קאמף האָבן די ערשטע 3 ערטער פארנומען די רעפּרעזענטאנטינס פון ביעלסק. דאָס ערשטע אָרט האָט דעראָבערט — זימערשפּיק, דאָס צווייטע אָרט — שרעטער, דאָס דריטע אָרט — ווייס. עס איז געווען א סך גוטער ווילן צווישן די פארמעסטלערינס, נאָר די דורכלויפס-צייט איז אויסגעפאלן זייער שוואך.

אין לויף אויף 100 מעטער אין מענער-קאָנקורענץ, האָבן אנטיילגענומען אין פערטל-פינאל 24 ספּאָרטלער, וועלכע זיינען געלאָפן אין 6 דורכלויפן. צום האלב-פינאל זיינען דערגאנגען די פארמעסטלערס: האקען, פרידלינג, עקער, הירשהאָרן, סאלאָמאָן און ווינטער.

## וועגן איינעם א פּראָטאָקאָל

וועגן דער פראגע איינהייט אין יידיש ספּאָרט-וועזן איז נישט איינמאָל געשריבן געוואָרן. די פּראַקטיק פון די יידישע ספּאָרט-קלובן באווייזט אונז ווי ריכטיק דער דאָזיקער געדאנק איז. דאָס האָבן פארשטאנען די צוויי עקזיסטירנדיקע יידישע ספּאָרט-קלובן זש.ק.ס. און „גוויאזדא" אין וורָאָצלאוו. אויף דער ספּעציעלער צונויפגערופענער קאָנפערענץ האָבן זיי באשלאָסן זיך פאראייניקן אין אן איינהייטלעכן מאסנהאפטן קלוב.

פאר אונז ליגט דער פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג, וועלכער לויטעט:

„די געמיינזאמע קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 2-טן אפריל ה.י. פון פאָרשטייער פון יידישן ארבעטער-ספּאָרט-קלוב „גוויאזדא" און יידישן ספּאָרט-קלוב (זש.ק.ס.) — נאָכן אדורכפירן א ברייטע דיסקוסיע, אין וועלכער ס'איז געקומען צום אויסדרוק דער ווילן פון ביידע צדדים צו פאראייניקן די יידישע ספּאָרט-באוועגונג אין נידער-שלעזיע, האָט באשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער יוגנט-אָפּטיילונג ביים צענטראל-קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן און צו דער צענטראלע פון „גוויאזדא" מיט א פאָרשלאָג:

1. פאראייניקן ביידע קלובן אין וורָאָצלאוו אונטער אן איינהייטלעכן נאָמען „זש.ק.ס.—„גוויאזדא" —ביים יידישן קאָמיטעט.

2. אויף די ערטער, וווּ ס'זיינען פאראן באזונדערע „גוויאזדא"-קלובן פאראייניקן זיי אויף דער זעלבער באזע.

3. די פאראייניקטע קלובן זיינען אומפּארטייאישע און פירן זייער ארבעט אומאָפּהענגיק פון וועלכער ס'איז פּאָליטישער ריכטונג.

דער פּראָטאָקאָל דארף ווערן רעאליזירט דורך ביידע אינסטאנצן ביזן 12-טן אפריל.

אונטערשריפטן:

פון „גוויאזדא" — בורשטין

פון זש.ק.ס. — קופערשטיין

וואָיעוואָדישע יוגנט-אָפּטיילונג — גארטלער

אויף דער ווענדונג האָט שוין די יוגנט-אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון די יידן אין פוילן געענטפערט אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע אויף דער 4-טער לאַנד-בּאַראַטונג פון די יוגנט-טוער, אויסדריקנדיק איר ווונטש צו פאראייניקן די יידישע ספּאָרט-באוועגונג. לײדער האָט די צענטראלע פון „גוויאזדא" ביז היינט, נאָך אן אָפּפלוס פון 4 חדשים, קיין ענטפער נישט געגעבן... וואָס איז די סיבה פון דעם לאַנגן שווייגן?

א. ק.

## זש.ק.ס. ביטאָם

ביטאָם: דער זש. ק.ס. אין ביטאָם האָט, טראָץ דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ און שווערע מאטעריעלע באדינגונגען, זיך אנטוויקלט גימנסטיק, אדאנק דער אמביציע פון די מיטגלידער און דער איבערגעגעבנקייט פון דער פארוואלטונג. די פוטבאָל-סעקציע פירט דורך נאָרמאלע איבונגען און אָפטע פארמעסטונגען מיט די פוילישע קלובן.






דע׳גאל און זיין קאפ

א שטארקע מלוכה
מוז האָבן איין קאָפ
— אזוי רעדט דע׳גאָל
צום פראַנצויז אראָפּ.

און גרייט איז דע׳גאָל
צו געבן אלץ אַפּ
פאַר דעם אַרבעטער —
— אפילו זיין קאָפּ..

טראַכט דער אַרבעטער:
א יושר דעם כלאָפּ
כ׳לעבן צו מאַכן —
נידריקער א קאָפּ..

**מ. פייבושע וויטש**

# א מיתה משונה

אין מלחמה־צייט האָט א ייד אנטלויפנדיק זיך אָנגעשטויסן אויף א דייטש: מורא האָבנ־דיק דער דייטש זאָל אים נישט נעמען אויפן פארהער, איז ער אים פארלאָפן דעם וועג און אליין געפרעגט:

זאָגט מיר הער דייטש, — האָט איר שוין פיל שטעט איינגענומען?

אָ, יא — ענטפערט דער דייטש: מיר האָבן שוין איינגענומען ווארשע, קיעוו, בארקאָוו און איצט גייען מיר אויף מאָסקווע.

אזוי!... און ווען נעמט איר איין . מיתה משונה? — פרעגט אים דער ייד:

א מיתה משונה? א מיתה משונה? וואָ ליגט דאָס — וווּנדערט זיך דער דייטש — נעמט ארויס די מאפע, זוכט, זוכט, צום סוף זאָגט ער:

נו... בעפאָר מיר וועלן איינעמען מאָסקווע, וועלן מיר א מיתה משונה זיכער איננעמען.

# מ׳זאָגט...

מ׳זאָגט, אז דער סאָוויעטישער מיניסטער מאָלאָטאָוו איז פאר מאנכע מלוכות מאָלע־טאָוו און פאר מאנכע מאָלע טאָיו...

מ׳זאָגט, אז די מלוכות, וואָס ווילן געניסן פון דער אמעריקאנער הלוואה מוזן באשטיין אויפן פּלאַן פון מארש־אָלע...

„מ׳זאָגט, אז די שפעקולאנטן זייענ־דיק פארשיקט אין „אָבוז פראַצי״, ציען ווייטער דעם פּאַסעק, אָבער נאָר פון זייערע אייגענע הויזן...

מ׳זאָגט״, אז פּאָעטן ליגן אריין אין זייערע לידער פיל פייער. פאר זייער פיל וואָלט זיכער בעסער געווען צו טאָן פארקערט...

מען שמועסט, אז א ראַדיאָ קאָן קיינמאָל נישט פארבייטן קיין צייטונג.

פארוואָס?

מען קאָן דאָך מיט איר נישט פארוויקלען א הערינג.

## דער אַמעריקאַנער בעל־טובה און זיינע מיטהעלפער




# סטודענט

א פאָטער פרעגט זיין זון:

צי האָסטו זיך שוין פארטראכט, וואָס דו וועסט טאָן, אז וועסט אויסהאלטן די עקזא־מענס?

יאָ — ענטפערט דער זון — איך וועל זיך זייער וווּנדערן.

ארויסגעבער: די יוגנט־אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון יידן אין פוילן
רעדאקציע־קאָלעגיע:
באָזשיקאָווסקי ט., וואַרשאַווסקי י., יאהאַנעס ב., לערמאַן י., עדעלמאַן מ., פריידענרייך י., קוואַטערקא א., שטערן פּ.
פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע: י. וואַרשאַווסקי

צייכענונגען: יצחק רייזמאַן

Wydawca: Wydział Młodzieżowy, Centralnego Komitetu Żydów Polskich, Warszawa, ul. Sienna 60. Składano w Redakcji „Fołks — Sztyme", Łódź, ul. Narutowicza 32. Druk. R. S. W. „Prasa", Żwirki 17 D-O17942


Nr 3
„Ojfgang" Jednodniówka Cena 20 zł